געקליבענע פערל

פון

תנ״ך

(תורה, נביאים, כתובים)

און

כתובים אחרונים

געוועהלט, קלאסיפיצירט און איבערזעצט

פון

נחמיה קאפלאן

1918

LITERARY GEMS PUBLISHING CO.

208 E. Broadway

New York



געקליבענע פערל

.. פון ..

תנ"ך

(תורה נביאים וכתובים)

הומאַניטאַרע געזעצע, מאָראַל־לעהרען, אַפאָריזמען, פילאָזאָ־
פישע דיאַלאָגען און מאָנאָלאָגען

געוועהלט, קלאַסיפיצירט און איבערזעצט

פון

נחמיה קאַפּלאַן.

ניו יאָרק

.1913

אינהאלט פערצייכניס:

1. הומאַניטאַרע געזעצע:

אײַנגעבאָרענע און פרעמדע 3
געזעץ און רעכט 3
קויף און פערקויף 5
וואָהלטהעטיגקייט און יושר 5
שקלאַפערײַ 7
צוריקקעהרען פערלאָרענעס 8
רוהע-טעג און פרייהייטס-יאָה-רען 8
היגיעניע 10
אַלגעמיינע לעבענס-כללים 10

2. מאָראַל־לעהרען און אַפאָריזמען:

פפליכט צו זיך זעלבסט און גע-זונדהייט 12
פריידע און זאָרג 13
גענוס 14
איבערפלוס און מעסיגקייט 14
וויין און שכרות 15
פרויען און שלום-בית 15
פריינדשאַפט און מענשענליעבע 17
פריינדליכקייט און גוטהערציג-קייט 18
ליעבע און האַס 18
טוגענד און גערעכטיגקייט 19
וואָהלטהאַט 20
אַ גוטער נאָמען 22
ברידערליכקייט 22
חכמה און קענטניס 23
שטראָף-רייד 23
לייכטזינן 24
אָבשפּאָטונג און פערלוימדונג 24
קלוגהייט און נאַרישקייט 25
עהרע און בעריהמערײַ 26
שטאָלץ און בעשיידענהייט 27
ערניעדערונג 27
שמייכלערײַ 28
בענײַדונג 28
ראַכע 29
אויפרעגונג און צאָרן 29
היציגקייט און זעלבסט-בעהער-שונג 30
וואַרהייט און ליעגען 30
אונשולד און פערדאָרבענהייט 31
פאַלשקייט און צבוע'צסטוואָ 33
עטיקעטע און גוטע זיטען 33
יוגענד און עלטער 35
ערציהונג 36
רעדען און שווייגען 36
שאַרפזינן און רעדע-קונסט 37

איינלייטונג

זייט ביכער עקזיסטירען אויף דער וועלט, האָט נאָך קיין בוך ניט עררייכט אזאַ גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע צירקולאַציאָן ווי די ביבעל. עס איז ניטאָ איין אומה, וועלכע זאָל ניט האבען דעם אַלטען טעסטאַמענט איבערזעצט אין איהר אייגענער נאַציאָנאַלער שפּראַך. כמעט יעדער איינציגער מעהר אָדער ווענינער ציוויליזירטער מענש האָט די ביבעל ווען עס איז שטודירט אָדער גענאָסען פון איהר השפעה, און דאָך האָבען פערהעלטניסמעסיג זעהר ווענינע אַ בעגריף איבער דעם גרויסען ליטעראַרישען ווערטה פון דיעזען „בוך דער ביכער".

זאָגאַר די מאַיאָריטעט פון אידישען פאָלק זעלבסט, וועלכעס האָט די ביבעל דאָס ערשטע אַקצעפּטירט און אָבגעהיט די גאַנצע צייט אַלס דעם טהייערסטען אוצר, איז ווייט ניט בעקאַנט מיט די גרויסע גייסטיגע רייכטהימער וואָס ליעגען אין איהר בעהאַלטען. שטודירענדיג דעם תנ"ך דורך פּרימיטיווע אַלטמאָדישע מעטאָדען אַלס יונגע קינדער. ביי וועמען די מוחות זיינען נאָך איינפאַך ניט מסוגל צו בעגרייפען און אָבשעצען העכערע געדאַנקען, ווערט ביי זיי אַלעס אָבגעמעקט פון זכרון ווי נור זיי הויבען אָן אַריינצוטרעטען אין פּראַקטישען לעבען. אַלס ערוואַקסענע ווידער, נעהמען זיך פערהעלטניסמעסיג זעהר ווענינע די מיהע נאָך אַמאָל די ביבעל צו שטודירען.

די פרומע וועלט, וועלכע בעטראַכט דיעזען בוך אַלס דאָס גרעסטע היילינגטהום, שטעלט זיך צופריעדען מיט דעם וואָס זי איז „מעביר" די סדרה, „זאָגט" תהלים א. ז. וו. פערטיעפען זיך אין דעם גייסטרייכען אינהאַלט. ווערט פון די „זאָגערס" לחלוטין גאָר ניט געפאָדערט. נאָך ווענינער בעשעפטיגט זיך מיט דער ביבעל די פריי־געזאָנענע וועלט. אין די לעצטע צייטען ווען די רעליגיאָנען האָבען אָנ־

פלוידעריי 37
שעהמעדיגקייט 38
געדולד 38
פינקטליכקייט 38
צייטמעסיגקייט און פאַסיגקייט 39
פאַרזיכטיגקייט 39
בעראַטהונג און האַנדלונג 41
פוילקייט און מיהזאַמקייט 41
שפּאַרזאַמקייט און אויסברענ־
גערייו 42
אייגענס און פרעמדס 43
געלדגייציגקייט 43
רייכטהום און אָרימקייט 44
אַרבייט און האַנדעל 46
נוצלאָזיגקייט 47
פערשיעדענעס 47

3. פילאָזאָפישע מאָנאָלאָגען און דיאַלאָגען :

א י ו ב

פּראָלאָג 51—53
אויסציגע פון איוב'ס רעדען
53, 55, 57, 59, 61, 62, 64.
ענטוואָרטען פון אליפז פון תימן
54, 60, 63.
אַנטוואָרטען פון בלדד פון שוח
56, 61
אַנטוואָרטען פון צופר פון נעמת 58
אַנטוואָרטען פון יהודה בן ברכאל
66
ענטפער פון גאָט דורך דעם
שטורם-ווינד 69
איוב'ס שלוס־וואָרט 70
עפּילאָג 71

ק ה ל ת

מאָנאָלאָגען פון קעניג-פילאָזאָף שלמה 71—78

נביאים, און קיין סאָציאַל־פּאָליטישע אוטאָפּיע, פון אַלע וואָס זיינען ביז יעצט בעשאַפען געוואָרען, קען זיך ניט פערגלייכען מיט דער ערהאַבענער צוקונפטס־אידיליע פון „והיה באחרית הימים"...

„עס איז ניטאָ קיין פּאָעזי וואָס זאָל זיך קענען פערגלייכען מיט דער פּאָעזי איבער ציון" — זאָגט דער גרעסטער עפּישער פּאָעט, מילטאָן — „קיין רעדנער האָט נאָך ביז יעצט ניט איבערשטיגען די נביאים און קיין פּאָליטישער אידעאַל איז ניט אזוי ערהאַבען ווי דער וואָס ווערט פאַרגעשריבען אין דער ביבעל".

„איך בעטראַכט דעם בוך פון איוב" — זאָגט דער גרויסער היסטאָריקער און דענקער קאַרלייל — „אַלס דאָס גרעסטע ווערק, וואָס איז ווען געשאַפען געוואָרען מיט א פען".

„די תורה, דאָס איז א בוך וואָס איז גרויס ווי די וועלט" — דריקט זיך אויס דער וועלט־בעריהמטער פּאָעט היינע — „די גאַנ־צע שרעקליכע דראַמא פון דער מענשהייט געפינט זיך אין דיעזען „בוך דער ביכער".

אין זעלבען גייסט האָבען זיך אויסגעדריקט די גרעסטע דיכטער און דענקער פון אַלע צייטען. מיט עהרפורכט און בעוואונדערונג האָ־בען זיי אַלע בעטראַכט דעם אַלטען טעסטאַמענט און געשעפּט פון איהם בעגייסטערונג. עס איז דארום העכסט וויכטיג פאַר יעדען איי־נעם צו שאַפען זיך א בעסערען בעגריף איבער דיעזען אַלוועלטליכען ליטעראַרישען אוצר און אָבשעצען איהם לויט זיין גרויסען פער־דיענסט.

מיט דער פאָרליעגענדער ארבייט האָט דער צוזאַמענשטעלער און איבערזעצער קיין אבזיכט ניט צו פערשטאַרקען ביי וועמען עס איז די אמונה אָדער, פערקעהרט, מאַכען צו צווייפלען אין דער הייליג־קייט פון דער ביבעל. ניט דאָס געטליכע, זאָנדערען דאָס מענשליכע, דעם גרויסען עטהישען און עסטהעטישען ווערטה איהרען, איז דורך דיעזער ארבייט בעצוועקט געוואָרען ארויסצוברענגען פאַר'ן גרויסען אידישען עולם, וועלכער האָט זיך צוליעב פערשיעדענע אורזאַכען ניט גענומען די צייט און די מיהע די ביבעל גענויער צו שטודירען.

אין דיעזער זאַמלונג, וועלכע ענטהאַלט פערשיעדענע אויסציגע פון תורה, נביאים און כתובים, זיינען אויך איינגעשלאָסען פּיעלע שפּריכע פון יהושע בן סירא.

געהויבען צו פערליערען זייער אמאָליגען גלאַנץ, בעמערקט מען ביי גע־וויסע טהיילען פון אידישען פאָלק זאָגאר א מין פערעכטליכע בע־ציהונג צו דער ביבעל. זי ווערט בעטראכט אלס א נוצלאָזע זאַך וועל־כע האָט קיין בעדייטונג פאר'ן יעצטיגען לעבען, און פיעלע פון זיי האַלטען פאר איבעריג צו ערמוטהיגען זייערע קינדער די ביבעל צו שטודירען.

אזא בעציהונג צו דיעזען קוואל פון ערהאבענע אידעען און בע־גריפע, פיעלע פון וועלכע עס קענען דיענען אלס מוסטער און שפיגעל זאָגאר פאר די ציוויליזירטעסטע פעלקער פון אונזער צייט, איז פיעל מעהר ווי אונגערעכט. יעדער פערנינפטיגער, רעכטדענקענדער מענש, ווי פריי פון רעליגיאָן ער זאָל ניט זיין, מוז ביי א גענויער בעקאַנט־שאפט מיט'ן אַלטען טעסטאמענט פיהלען דעם גרעסטען רעספעקט פאר דיעזער שעהנער ירושה פון גרויען אַלטערטהום. ניט אַלעס אין דער ביבעל קען, נאטירליך, פאר אַלעמען האָבען א גלייכע בעדיי־טונג — מאנכע בעטראכטען אלס הייליג און פיעל־בעדייטענד יע־דען אות, אנדערע שעטצען בלויז געוויסע טהיילען פון איהר — קיינער קען אָבער ניט בעשטרייטען איהר קאָלאָסאלען ליטעראַרישען ווערטה און די בעדייטונג פון איהרע הויכע עטהישע פרינציפען פון גערעכטיגקייט. צו דער הויכקייט פון גאָר פיעלע עטהישע פרינ־ציפען וואָס זיינען אויסגעדריקט אין די ביבלישע פאָרשריפטען, האָט מען נאָך ביי אונז עד היום ווייט ווייט ניט דערגרייכט.

און ניט נור איז די ביבעל ווערטה שטודירט צו ווערען צוליעב איהר גייסטרייכען אינהאַלט, יזאָנדערען אויך צוליעב איהר אויסער־געוועהנליך שעהנער ליטעראַרישער פאָרם. די אייגענאַרטיגע שעהנ־הייט פון דער שפראַך און פון די טיעף־פאָעטישע שילדערונגען ביי די נביאים איז קוים מעגליך איבערצוגעבען. קיינער האָט נאָך ביז יעצט ניט אויסגעדריקט אזוי איינפאַך, און אין דערזעלבער צייט אזוי שעהן און מעכטיג, א מעהר שניידענדע קריטיק פון פערדאָר־בענהייט אין דער מענשליכער געזעלשאפט, קיינער האָט נאָך ניט אזוי פריי און אונערשראָקען געטאַדעלט די הערשענדע קלאסען וואָס אונטערדריקען די שוואכערע, קיינער האָט ניט אזוי ביטער פערדאַמט די בלוטזויגער און עקספּלאָאַטאַטאָרס, ווי עס האָבען געטהאָן די

מיינונג און וואונש פון ה׳ אַלכסנדר האַרקאַווי

ה׳ קאפלאַן׳ס אידעע ארויסצוגעבען „געקליבענע פערל פון תנ״ך״, איז אַן אויסגעצייכענטע. אזאַ זאַמלונג וועט ווייזען דיא יעניגע, וועלכע בעטראַכטען אין זייער אונוויסענהייט דיא ביבעל אַלס אַ ווערק פון בטלנות, דאַס זיא ענטהאַלט אין זיך ניט ווענינ ליטעראַרישע שעהנהייט און חכמה.

אין זיין פאָרוואָרט בעווייזט דער זאַמלער גענוג דיא וויכטיגקייט פון זיין אונטערנעהמונג. איך בין מסכים מיט איהם אין זיין אָפּשאַצונג פון דער ווערטה פון דער ביבעל פיר דיא ציוויליזירטע וועלט.

איך וויל דאָ בלויז זאָגען אַ פּאָאר ווערטער וועגען דעם, וויא ה׳ קאַפּלאַן האָט ערפילט זיין אויפגאַבע. ער האָט מיר געצייגט זיין אַרבייט אין אַלע איהרע שטופען און האָט זיך צו מיר אָפט געווענדעט וועגען ראַטה, וועלכען איך האָב איהם געגעבען מיט פערגניגען. ער האָט דיא שטעלען פון תנ״ך געוועהלט מיט געשמאַק און זייערע איבערזעצונגען אין אונזער פאָלקס־שפּראַך געמאַכט אַזוי איינפאַך און פערשטענדליך, דאַס אַלע, וואָס קענען אידיש, וועלען האָבען דיא מעגליכקייט צו פערשטעהן דיא שעהנהייטען פון דער ביבעל.

עס איז מיין וואונש, אַז דיזע „געקליבענע פערל פון תנ״ך״ זאָלען געפינען דיא פערברייטונג, וועלכע זיי פערדיענען.

אַלכסנדר האַרקאַווי.

ניו יאָרק, 27. פעב. 1913.

ווי בעקאַנט, געפינט זיך ביי אידען אַ זעהר אַלטע זאַמלונג פון שריפטען, געשריבען אין גריכיש מיט 180 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אַפּאָקריפען” אָדער, ווי אידען רופען עס, „כתובים אחרונים”. דיעזע זאַמלונג, וועלכע ענטהאַלט פיעלע וויכטיגע היסטאָרישע שילדערונגען, ווי חשמונאים, יהודית, שושנה און אַנדערע, ווי אויך משלים פון שלמה און בן סירא, איז ביי אידען ניט צוגערעכענט צו די הייליגע ספרים פון דער ביבעל. די חכמי התלמוד, האָבען דאָך שטאַרק געהאַלטען פון בן סירא און פיעלע פון זיינע אַפּאָריזמען ווערען אפילו ציטירט אין תלמוד גופא. אזוי ווי די אפּאָריזמען פון בן סירא זיינען אויסגעדריקט אין דעם זעלבען ביב־לישען גייסט ווי די איבעריגע פון תנ"ך, געפינען מיר פאַר ניצליך איינצושליסען אין דיעזער זאַמלונג די מעהר כאַראַקטעריסטישע פון זיי.

דער איבערזעצער האָט זיך געגעבען די מיהע נאָכצופאָלגען דעם אָריגינאַל פון דער ביבעל אַזוי טריי ווי מעגליך. אויב דער גע־דאַנק ווערט אין מאַנכע שטעלען איבערגעגעבען עטוואָס פרייער, איז עס בלויז אום דייטליכער ארויסצוברענגען זייער ריכטיגען זינן.

נחמיה קאַפּלאַן.

ניו יאָרק, מערץ, 1913.

נ. ב. מיר בעטראַכטען אַלס פּפליכט אויסצודריקען די טיעפ־סטע דאַנקבאַרקייט צו אונזער געשעצטען לעהרער און פריינד ה' אַ ל כ ס נ ד ר ה אַ ר ק אַ ו ו י פאַר די ווערטהפאָלע עצות און בעמערקונגען זיינע, מיט וועלכע מיר האָבען זיך בענוצט ביי דער צו־זאַמענשטעלונג און איבערזעצונג פון דיעזען באַנד.

נ. ק.

ערשטער באַנד

חקי יושר וצדק בתורת משה

גרים ותושבים

תורה אחת ומשפט אחד יהיה לכם ולגר הגר אתכם (במדבר טו, טז).

* * *

חקה אחת יהיה לכם ולגר ולאזרח הארץ (במדבר ט, יד).

* * *

לא תתעב אדמי כי אחיך הוא לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו (דברים כג, ח).

* * *

וכי יגור אתך גר בארצכם לא תונו אתו. כאזרח מכם יהיה לכם הגר הגר אתכם ואהבת לו כמוך (ויקרא יט, לג—לד).

דין ומשפט

ושפטתם צדק בין איש ובין אחיו ובין גרו. לא תכירו פנים במשפט כקטן כגדל תשמעון לא תגורו מפני איש (דברים א, טז—יז)

הומאַניטאַרע געזעצע אין תורת משה

אַיינגעבאָרענע און פרעמדע

איין לעהרע און איין אורטהייל זאָל זיין בײַ אײַך פאַר אייגענע, ווי פאַר פרעמדע, וואָס וואָהנען מיט אײַך צוזאַמען.

*   *   *

איין געזעץ זאָל בײַ אײַך זיין פאַר דעם אײַנגעוואַנדערטען ווי פאַר דעם אײַנגעבאָרענעם פון לאַנד.

*   *   *

זאָלסט ניט האַסען אַן אדמי, דען ער איז אַ ברודער דײַ־נער ; פעראַכטע ניט אַ מצרי : דו ביזט דאָך זעלבסט אַ פרעמ־דער אין זיין לאַנד געוועזען.

*   *   *

ווען עס וואָהנט מיט דיר אין לאַנד אַ פרעמדער, זאָלסטו איהם ניט אונטערדריקען : גלייך מיט'ן אײַנגעבאָרענעם זאָל בײַ אײַך פעררעכענט זיין דער אײַנגעוואַנדערטער, וואָס וואָהנט צווישען אײַך ; זאָלסט איהם ליעב האָבען ווי זיך אַליין.

געזעץ און רעכט

מיט גערעכטיגקייט זאָלט איהר משפט'ן צווישען איין ברו־דער און צווייטען, ווי אויך צווישען איהם און פרעמדען. אין געריכט זאָלט איהר קיינעם ניט שענקען קיין בעזונדערע אויפ־מערקזאַמקייט. קליין און גרויס זאָלט איהר אויסהערען גלייך און פאַר קיינעם ניט מורא האָבען.

לא תעשו עול במשפט לא תשא פני דל ולא תהדר פני גדול בצדק תשפט עמיתך (ויקרא יט, טו).

* * *

לא תטה משפט אבינך בריבו (שמות כג, ו).

* * *

כל אלמנה ויתום לא תענון (שמות כב, כא).

* * *

ארור מטה משפט גר יתום ואלמנה (דברים כז, יט).

* * *

ושחד לא תקח כי השחד יעור פקחים ויסלף דברי צדיקים (שמות כג, ח).

* * *

ארור לקח שחד להכות נפש דם נקי (דברים כז, כה).

* * *

לא יקום עד אחד באיש לכל עון ולכל חטאת בכל חטא אשר יחטא על פי שני עדים או על פי שלשה עדים יקום דבר (דברים יט, טו).

* * *

לא תשא שמע שוא אל תשת ידך עם רשע להיות עד חמס (שמות כג, א).

* * *

כִי יקום עד חמס באיש לענות בו סרה — — — ועשיתם לוֹ

איהר זאָלט קיין אונרעכט ניט בעגעהן אין געריכט; זאָלסט ניט רעספּעקטירען (פּאַרטייאיש זיין צו) דעם אָרימאַן און ניט שוינען די פּערזאָן פון מעכטיגען; מיט גערעכטיגקייט זאָלסטו אורטהיילען דיין מיטמענשען.

* * *

זאָלסט ניט פערבויגען אין געריכט די קלאַגע פון דעם נויטבעדערפטיגען.

* * *

אַן אלמנה און אַ יתום זאָלט איהר ניט אונטערדריקען.

* * *

פערפלוכט איז דער וואָס פערבויגט די גערעכטיגקייט פון פרעמדען איינוואָהנער, יתום און אלמנה.

* * *

קיין שחד זאָלסטו ניט נעהמען: בעשטעכונג מאַכט בלינד די זעהענדיגע און פערקרימט די רייד פון גערעכטע.

* * *

פערפלוכט איז דער וואָס נעהמט שחד אומצוברענגען אַן אונשולדיגע פּערזאָן.

* * *

איין עדות זאָל קיינמאָל ניט בעטראַכט ווערען אַלס גענוג געגען אַ פּערזאָן, וואָס ווערט בעשולדיגט אין בעגעהן וועלכע עס איז אונרעכט אָדער אירגענד וועלכען פערברעכען; דורך צוויי אָדער דריי עדות מוז אַ זאַך בעשטעטיגט ווערען.

* * *

קיין פאַלשען בעריכט זאָלסטו ניט אָננעהמען; מאַך ניט איין האַנד מיט אַ פערברעכער צו זיין אַן אונעהרליכער עדות.

* * *

ווען עס וועט זיך ערהויבען געגען אַ פּערזאָן אַ פאַלשער

כאשר זמם לעשות לאחיו ובערת הרע מקרבך. והנשארים ישמעו ויראו ולא יספו לעשות עוד כדבר הרע הזה בקרבך (דברים יט, טז—כ).

מקח וממכר

לא תגנבו ולא תכחשו ולא תשקרו איש בעמיתו (ויקרא יט, יא).

* * *

ארור מסיג גבול רעהו (דברים כז, יז).

* * *

לא יהיה לך בכיסך אבן ואבן גדולה וקטנה. לא יהיה לך בביתך איפה ואיפה גדולה וקטנה. אבן שלמה וצדק יהיה לך איפה שלמה וצדק יהיה לך (דברים כה, יג—טו).

צדקה ויושר

פתח תפתח את ידך לאחיך לעניך ולאבינך בארצך (דברים טו, יא).

* * *

וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו גר ותושב וחי עמך (ויקרא כה, לה).

עדות און וועט איהם אָנקלאָגען אין אַ ניט־בעגאַנגענעם פער־
ברעכען, זאָלט איהר צו דעם פאַלשען עדות טהאָן דאָס וואָס ער
האָט געטראַכט צו טהאָן זיין ברודער; אויסראַמען זאָלט איהר
דאָס בייזע פון צווישען זיך: די איבריגע וועלען עס דאַן הערען
און מורא האָבען; זיי וועלען זיך ניט מעהר דערוועגען צו
בעגעהן אַזאַ אונווירדיגע טהאַט צווישען דיר.

קויף און פערקויף

איהר זאָלט ניט בע׳גנב׳ענען, ניט פערלייקענען און ניט ליעגען זאָגען איינער דעם צווייטען.

* * *

פערפלוכט איז דער וואָס רוקט איבער דעם גרענעץ פון זיין פריינד.

* * *

דו זאָלסט ניט האָבען ביי זיך קיין צווייערליי געוויכט — גרויסע און קליינע; אין דיין הויז זאָל זיך ניט געפינען קיין צווייערליי מאָס — גרויסע און קליינע: גאַנצע און ריכטיגע געוויכט, אַ גאַנצע און ריכטיגע מאָס זאָלסטו האָבען.

וואהלטהעטיגקייט און יושר

ברייט זאָלסטו דיין האַנד עפענען צו דיין ברודער, צו די אָרימע און נויטבעדערפטיגע פון דיין לאַנד.

* * *

ווען דיין ברודער וועט פעראָרימט ווערען און זיין געפאַ־לען, זאָלסטו איהם שטיצען, — מעג ער זיין אַן אַיינגעבאָרענער, אַ פרעמדער אָדער אַזעלכער וואָס לעבט מיט דיר בלויז צייט־וויליג.

נתן תתן לו ולא ירע לבבך בתתך לו (דברים טו, י).

* * *

כי פתח תפתח את ידך והעבט תעביטנו די מחסרו אשר יחסר לו (דברים טו,ח).

* * *

אם כסף תלוה את עמי את העני עמך לא תהיה לו כנשה לא תשימון עליו נשך (שמות כב, כד).

* * *

את כספך לא תתן לו בנשך ובמרבית לא תתן אכלך (ויקרא כה, לז).

* * *

אם חבל תחבל שלמת רעך עד בא השמש תשיבנו לו (שמות כב, כה).

* * *

כי תשה ברעך משאת מאומה לא תבא אל ביתו לעבט עבטו. בחוץ תעמד והאיש אשר אתה נשה בו יוציא אליך את העבוט החוצה. ואם איש עני הוא לא תשכב בעבטו. השב תשיב לו את העבוט כבוא השמש ושכב בשלמתו וברכך (דברים כד, י—יג).

* * *

לא תעשק שכיר עני ואביון מאחיך או מגרך אשר בארצך בשעריך (דברים כד, יד).

דו זאָלסט איהם אונבעדינגט העלפען, און ווען דו גיעבסט איהם, זאָל עס דיר נאָכהער ניט פערדריסען.

*　*　*

ווען דו ווייסט דיין האַנד עפענען פיר איהם, זאָלסטו איהם לייהען גענוג, ער זאָל האָבען אויף אַלעס וואָס איהם פעהלט.

*　*　*

ווען דו ווייסט צו איינעם פון פאָלק, אַן אָרימאַן, געלד פער־לייהען, זאָלסטו עס פון איהם צודרינגליך ניט מאָהנען און ניט פערלאַנגען קיין פראָצענט.

*　*　*

נעהם ביי איהם קיין פראָצענט פאַר דיין געלד און רעכען איהם ניט טהייערער פאַר עסענוואַרג, ווען דו גיעבסט איהם.

*　*　*

ווען דו ווייסט ביים צווייטען אַלס משכון זיין קלייד נעה־מען, זאָלסטו עס איהם צוריקקעהרען איידער די זונן געהט אונ־טער.

*　*　*

ווען דיין פריינד וועט ביי דיר עטוואָס באָרגען, זאָלסטו ניט אַריינגעהן צו איהם אין הויז אַ משכון צו נעהמען. זאָלסט שטעהן אין דרויסען און וואַרטען ביז די פערזאָן, וועמען דו האָסט פערבאָרגט, וועט דיר דעם משכון אַליין אין גאַס אַרויס־טראָגען. און אויב דער מאַן איז אָרים, זאָלסטו דעם משכון ביי זיך ניט האַלטען איבער נאָכט ; זאָלסט עס איהם אונבעדינגט צוריקקעהרען איידער די זונן געהט אונטער, אום ער זאָל קענען שלאָפען אין זיין קלייד און דיך בענשען.

*　*　*

זאָלסט ניט בעטריבען דעם לוין־אַרבייטער, אָרימאַן און נויטבעדערפטיגען פון דיינע ברידער אָדער פון די פרעמדע, וואָס וואָהנען אין דיין לאַנד.

לא תעשק את רעך ולא תגזל לא תלין פעלת שכיר אתך עד בקר (ויקרא יט, יג).

* * *

ביומו תתן שכרו ולא תבוא עליו השמש (דברים כד, טו).

עבדות

וכי ימוך אחיך עמך ונמכר לך לא תעבד בו עבודת עבד. כשכיר כתושב יהיה עמך (ויקרא כה, לט—מ).

* * *

כי תקנה עבד עברי שש שנים יעבד ובשבעת יצא לחפשי חנם (שמות כא, ב).

* * *

וכי תשלחנו חפשי מעמך לא תשלחנו ריקם. העניק תעניק לו מצאנך ומגרנך ומיקבך אשר ברכך יי אלהיך תתן לו (דברים טו, יג—יד).

* * *

לא תסגיר עבד אל אדניו אשר ינצל אליך מעם אדניו. עמך

העברעער אין פערגלייך מיט דיזעלבע ביי אַנדערע אַמאָליגע פעלקער און זאָגאַר ביי די יעצטיגע ציוויליזירטעסטע פעלקער ביז ניט לאַנג צוריק, צב"ש: באַנשטשיזנע, נעגער־שקלאַפעריי א. ד. ג.

זאָלסט ניט אונטערדריקען און ניט בעדרויבען דעם צווייטען; לאָז ניט איבערנעכטיגען ביי זיך ביז'ן צווייטען פריה־מאָרגען דעם לוין פון דיין געדונגענעם אַרבייטער.

* * *

דעם זעלבען טאָג זאָלסטו איהם זיין לוין געבען, איידער די זונן געהט אונטער.

שקלאַפּעריי *)

ווען דיין ברודער וועט אָרים ווערען און זיך צו דיר פערקויפען, זאָלסטו מיט איהם ניט אַרבייטען ווי מיט אַ שקלאַף. ווי אַ געדונגענער אָדער ווי אַן איינוואָהנער זאָל ער ביי דיר פעררעכענט זיין.

* * *

ווען דו וועסט אַ אידישען קנעכט קויפען, זאָל ער ביי דיר דיענען זעקס יאָהר, אין זיעבעטען זאָל ער אומזיסט פרייגעלאָזען ווערען.

* * *

און ווען דו לאָזסט איהם פריי זאָלסטו איהם מיט לעדיגען ניט אַוועקשיקען: דו זאָלסט איהם געבען מיט אַ פולע האַנד פון דיינע שאָף, פון דיין שייער און פון דיין וויין־קעלטער; פון אַלעם מיט וואָס גאָט האָט דיך געבענשט זאָלסטו איהם געבען.

* * *

דו זאָלסט ניט איבערגעבען אַ שקלאַף צו זיין הערן, ווען ער אַנטלויפט און זוכט זיך ביי דיר צו רעטען. מיט דיר זאָל ער

---

*) מיר ברענגען די פאָרשריפטען וועגען דער בעציהונג צו שקלאַפען, בלויז אַלס ביישפּיעל, ווי מילד און ליבעראַל זיי זיינען געווען ביי די אַלטע

ישב בקרבך במקום אשר יבחר באחד שעריך בטוב לו לא תוננו (דברים כג, טז—יז).

* * *

וגנב איש ומכרו ונמצא בידו מות יומת (שמות כא, טז).

השבת אבדה

לא תראה את שור אחיך או שיו נדחים והתעלמת מהם השב תשיבם לאחיך. ואם לא קרוב אחיך אליך ולא ידעתו ואספתו אל ביתך והיה עמך עד דרש אחיך והשבת לו. וכן תעשה לחמורו וכן תעשה לשמלתו וכן תעשה לכל אבדת אחיך אשר תאבד ממנו ומצאתה לא תוכל להתעלם (דברים כב, א—ג).

* * *

כי תפגע שור איבך או חמרו תעה השב תשיבנו לו. כי תראה חמור שנאך רבץ תחת משאו וחדלת מעזב לו עזב תעזב עמו (שמות כג, ד—ה).

שבת, שמטה ויובל

ששת ימים תעשה מעשיך וביום השביעי תשבת למען ינוח שורך וחמרך וינפש בן אמתך והגר (שמות כג, יב).

פערבלייבען וואָהנען אין דעם פּלאַץ, וואָס ער זעלבסט וועט אויסערוועהלען ; זאָלסט איהם ניט אונטערדריקען.

* * *

ווער עס גנב'עט אַ מענשען און פערקויפט איהם (צו שקלאַ־פעריי), אויב מען כאַפּט איהם ביי דער האַנד, פערדיענט ער טויט־שטראָף.

צוריקקעהרען פערלאָרענעס

ווען דו בעמערקסט דיין ברודער'ס אָקס אָדער שעפּס אַרומ־בלאָנדזשענדיג, זאָלסטו זיך ניט מאַכען ניט־זעהענדיג; זאָלסט זיי אונבעדינגט צוריק־קעהרען צו איהם. און אויב דיין ברודער געפינט זיך ווייט פון דיר אָדער דו קענסט איהם גאַרניט, זאָל־סטו זיי אַריינגעהמען צו זיך אין הויז און האַלטען ביז דיין ברודער וועט עס פאָדערען, און דאַן זאָלסטו איהם צוריקקעה־רען. אַזוי זאָלסטו אויך טהאָן מיט זיין עזעל, מיט זיין קלייד און מיט יעדע זאַך וואָס דיין ברודער וועט פערלירען ; וועסטו וואָס געפינען, טאָרסטו עס ניט פערבאָרגען.

* * *

ווען דו בעמערקסט דעם אָקס אָדער דעם עזעל פון דיין פיינד אַרומבלאָנדזשענדיג, זאָלסטו זיי איהם דורכאויס צוריק־קעהרען. אויב דו וועסט זעהן דיין שונא'ס עזעל, צוזאַמענברע־כענדיג אונטער זיין לאַסט, און איהם ניט וועלען העלפען, (איז עס ניט רעכט) ; דו מוזט איהם אונבעדינגט העלפען.

רוהע טעג און פריידהייטס יאהרען

זעקס טעג זאָלסטו דיין אַרבייט טהאָן און דעם זיעבעטען זאָלסטו רוהען, אום עס זאָל אויך רוהע האָבען דיין אָקס און דיין עזעל, און עס זאָל זיך קענען ערפרישען דיין בעדיענער און דער פרעמדער.

מקץ שבע שנים תעשה שמטה. וזה דבר השמטה שמט כל בעל משה ידו אשר ישה ברעהו לא יגש את רעהו ואת אחיו כי קרא שמטה ליי (דברים טו, א—ב).

* * *

וקדשתם את שנת החמשים שנה וקראתם דרור בארץ לכל יושביה יובל היא תהיה לכם (ויקרא כה, י).

* * *

בשנת היובל הזאת תשבו איש אל אחזתו (ויקרא כה, יג).

* * *

בשנת היובל ישוב השדה לאשר קנהו מאתו לאשר לו אחזת הארץ (ויקרא כז, כד).

* * *

וכי תמכרו ממכר לעמיתך או קנה מיד עמיתך אל תונו איש אחיו. במספר שנים אחר היובל תקנה מאת עמיתך במספר שני תבואות ימכר לך (ויקרא כה, יד—טו).

* * *

ובכל ארץ אחזתכם גאולה תתנו לארץ (ויקרא כה, כד).

* * *

והארץ לא תמכר לצמתת כי לי כל הארץ כי גרים ותושבים אתם עמדי (ויקרא כה, כג).

ענדע פון יעדע זיעבען יאָהר זאָל ביי אייך זיין שמטה, און דאָס דאַרף אין שמטה־יאָהר ערפיעלט ווערען: יעדער וואָס האָט פערליהען צום צווייטען, זאָל יענעם בעפרייען פון דאָס וואָס איהם קומט; ער זאָל ביי זיין ברודער אָדער פריינד עס ניט מאָהנען, ווייל עס איז פראָקלאַמירט געוואָרען שמטה אין גאָטעס נאָמען.

* * *

איהר זאָלט הייליגען האַלטען יעדען פופציגסטען יאָהר און פראָקלאַמירען דאַן פרייהייט אין לאַנד צו אַלע זיינע איינוואָהנער; יובל זאָל עס ביי אייך הייסען.

* * *

אין דיעזען יובל זאָלט איהר יעדען איינעם צוריקקעהרען צו זיין אָריגינעלען אייגענטהום.

* * *

יעדעס פעלד זאָל אין יובל־יאָהר צוריקגעקעהרט ווערען צו דעם ביי וועמען עס איז אנפאַנגס געקויפט געוואָרען, ווייל צו איהם געהערט דאָס לאַנד אַלס בעזיטץ.

* * *

ווען איהר פערקויפט עטוואָס אָדער איהר קויפט ביים צווייטען, זאָלט איהר איינע די אַנדערע ניט נאַרען: לויט דער צאָהל פון יאָהרען נאָכ'ן יובל, זאָלסטו פון דעם צווייטען קויפען, און לויט די יאָהרען פון איינקינפטע, זאָל ער דיר פערקויפען.

* * *

איהר זאָלט איינפיהרען אויסלייזונג פון באָדען אין יעדערטהייל לאַנד פון אייער בעזיטץ.

* * *

אויף אייביג זאָל דער באָדען ניט פערקויפט ווערען, דען צו מיר געהערט דאָס גאַנצע לאַנד און איהר זייט בלויז איינגעוואַנדערטע און שכנים ביי מיר.

בריאות

ונשמרתם מאד לנפשתיכם (דברים ד, טו).

* * *

לא תאכל כל תועבה (דברים יד, ג).

* * *

והבדלתם בין הבהמה הטהרה לטמאה ובין העוף הטמא לטהר ולא תשקצו את נפשתיכם בבהמה ובעוף ובכל אשר תרמש האדמה (ויקרא כ, כה).

* * *

רק חזק לבלתי אכל הדם כי הדם הוא הנפש (דברים יב, כג).

חקי חיים כוללים

מדבר שקר תרחק (שמות כג, ז).

* * *

לא תהיה אחרי רבים לרעת ולא תענה על רב לנטות אחרי רבים להטת (שמות כג, ב).

* * *

מוצא שפתיך תשמור ועשית כאשר נדרת (דברים כג, כד).

* * *

לא תלך רכיל בעמיך (ויקרא יט, טז).

היגיענע

איהר זאָלט שטאַרק אָבהיטען אייער געזונד.

*   *   *

קיין אונווירדיגע זאַך זאָלט איהר ניט עסען.

*   *   *

איהר זאָלט זעהן אונטערשיידען צווישען ריינע און אונ־ריינע בהמות און עופות; איהר זאָלט זיך ניט פעראונ־רייניגען מיט אַזעלכע בהמות און עופות, ווי אויך מיט אַלע וואָס קריכען אויף דער ערד.

*   *   *

שטאַרק זיך אום ניט צו עסען קיין בלוט, דען בלוט איז לעבען.

אַלגעמיינע לעבענס־כללים

פון א פאַלשע זאַך האַלט זיך פון דער ווייטען.

*   *   *

פאָלג ניט נאָך די מעהרהייט שלעכטעס צו טהאָן; זיי ניט געניינגט צו ענטשיידען אַ פראָצעס בלויז צו גונסטען פון דער מאַיאָריטעט.

*   *   *

וואָס דיינע ליפּען האָבען אַרויסגעלאָזען, זאָלסטו היטען; זאָלסט ערפיעלען וואָס דו האָסט פערשפּראָכען.

*   *   *

טרייב ניט קיין רכילות צווישען פאָלק.

כי תבנה בית חדש ועשית מעקה לגגך ולא תשים דמים בביתך כי יפל הנפל ממנו (דברים כב, ח).

* * *

שפך דם האדם באדם דמו ישפך (בראשית ט, ו).

* * *

מיד איש אחיו אדרש את נפש האדם (בראשית ט, ה).

* * *

לא תשנא את אחיך בלבבך הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא. לא תקם ולא תטר את בני עמך ואהבת לרעך כמוך (ויקרא יט, יז—יח).



ווען דו וועסט אַ נייעס הויז בויען, זאָלסטו מאַכען אַ צוים אַרום דעם דאַך, אום עס זאָל קיין בלוט־שולד ניט זיין אויף דיין הויז, ווען יעמאַנד וועט אונגערען אַרונטערפאַלען.

* * *

ווער עס פערגיסט דעם צווייטען׳ס בלוט וועט זיין אייגענעם בלוט פערגאָסען ווערען.

* * *

יעדען איינעם פון אַייך וועל איך האַלטען פעראַנטוואָרטליך פיר דאָס לעבען פון זיין מיטמענשען.

* * *

טראָג ניט קיין שנאה אין האַרצען אויף דיין ברודער; ווען יעמאַנד בעגעהט געגען דיר אַן עולה, רעד איהם בעסער אויס, און בעגעה ניט איבער איהם קיין זינד. זוך ניט ראַכע צו נעהמען, און זיי ניט מקנא די קינדער פון דיין פאָלק; זאָלסט ליעב האָבען דעם צווייטען ווי זיך אליין.

פתגמי מוסר בתנ"ך ובכתובים אחרונים

חובת האדם לעצמו

השמר לך ושמר נפשך מאד (דברים ד, ט).

* * *

גמל נפשו איש חסד ועכר שארו אכזרי (משלי יא, יז).

* * *

עכר נפשו איך ייטיב לזולתו אם גם במלאת ספק יצר לו (בן סירא יד, ה).

* * *

אל תתן לתוגה נפשך ואל תכאיב לבבך ברעיוני הבל (בן סירא ל, כא).

* * *

אהב נפשך והיטב לבך וכל תוגה הרחק מעליך כי חללי תוגה רבים ותועלת אין (בן סירא ל, כג—כד).

* * *

קנאה וכעס מקצרים ימי אדם ולב דואג בלא יומו יזקין (בן סירא ל, כה).

מאָראַל לעהרען און אַפּאָריזמען אין תנ"ך און אין כתובים אחרונים

פּפליכט צו זיך זעלבסט און געזונדהייט

גיעב אויף זיך אַכטונג, און פּאַס אויף זיך שטאַרק אויף.

* * *

ווער עס פּאַסט אויף זיך אויף איז אַ וואָהלטהעטער, ווער עס פערשאַפּט זיך וועהטאָג איז אַ גרויזאַמער מענש.

* * *

ווען יעמאַנד טהוט שלעכטס זיך זעלבסט, ווי קען ער גוטס טהאָן אַ צווייטען ? ווען ער ערפילט עס, זאָגאַר, צווייפעלט מען אין זיין גוטען ווילען.

* * *

פערשאַף זיך ניט קיין שמערצען, זאָל דיין האַרץ ניט וועה טהאָן פון אונזיניגע רעיונות.

* * *

ליעב דיין אייגענע זעעלע און פערשאַף זיך גוטעס ; דער־ ווייטער זיך פון יעדע ערגערנים, דען פיעלע זיינען די אָפּפער פון ערגערנים און קיינער האָט דערפון קיין נוטצען ניט.

* * *

קנאה און כעס פערקירצען דעם מענשען'ס טעג, אַ זאָר־ געגדעס האַרץ פערעלטערט איהם פאַר דער צייט.

אל תתן לדאגה נפשך הסירה וזכר אחריתה (בן סירא לח, יט).

* * *

אין עשר כחיים בריאים ואין משוש כמשוש לב וטוב המות מחיי מחלאים (בן סירא ל, טז).

* * *

חיי בשרים נבחרים מזהב ונפש בריאה מהון עתק (בן סירא ל, טו).

* * *

טוב מסכן בבריאת בשר מאיש עשיר וחולה (בן סירא ל, יד).

שמחה ותוגה

לב שמח ייטב גהה ורוח נכאה תיבש גרם (משלי יז, כב).

* * *

דאגה בלב איש ישחנה ודבר טוב ישמחנה (משלי יב, כה).

* * *

מאור עינים ישמח לב שמועה טובה תדשן עצם (משלי טו, ל).

* * *

מים קרים על נפש עיפה ושמועה טובה מארץ מרחק (משלי כה, כה).

* * *

כל ימי עני רעים וטוב לב משתה תמיד (משלי טו, טו).

נעהם זיך ניט קיין דאגות, געדענק דעם סוף פון דעם און זעה עס פערמיידען.

*   *   *

קיין רייכטהום קען זיך ניט פערגלייכען מיט אַ געזונדעס לעבען און קיין פריידע — מיט אַ הערצליכע פריידע ; בעס־ סער דער טויט, איידער אַ קראַנקעס לעבען.

*   *   *

געזונדהייט איז טהייערער פון גאָלד, אַ געזונדער קערפּער איז מעהר ווערטה פון די גרעסטע פערמעגענם.

*   *   *

בעסער צו זיין אָרים און געזונד, איידער קראַנק און רייך.

פריידע און זארג

אַ פרעהליכעם האַרץ פערבעסערט דאָם געזונד, אַ ניעדער־ געשלאָגענער גייסט מאַכט טרוקען דיביינער.

*   *   *

זאָרג ברעכט דעם מענשען׳ס מוטה, אַ גוטער וואָרט מאַכט זיין שטימונג פרעהליך.

*   *   *

אַ פריינדליכער בליק ערפרעהט דאָם האַרץ, אַ גוטע נאַכ־ ריכט ערקוויקט די ביינער.

*   *   *

אַ גוטע נאַכריכט פון אַ ווייטעם לאַנד איז, ווי קאַלטעם וואסער פאַר אַ ערמיעדעטע זעעלע.

*   *   *

דעם אָרימאַן׳ס טעג זיינען אַלע טרויעריג, ביי דעם פרעה־ ליכען אָבער איז דאָס לעבען אַ שטענדיגער מאָהלצייט.

כי חיי האדם לב שמח ותבואות שמחה ארך ימים (בן סירא ל, כב).

תענוג

טוב מלא כף נחת ממלא חפנים עמל ורעות רוח (קהלת ד, ו).

* * *

וגם אל תמנע מטובה נפשך בעתו למה תטמן ידך מהשיג חלקך (בן סירא יד, יד).

* * *

מחסר מטובה נפשו רע ירוע ורעתו אל חיקו תשוב (בן סירא יד, ו).

מותרות והסתפקות

גם בשחק יכאב לב ואחריתה שמחה תוגה (משלי יד, יג).

* * *

אל תענג רב דשן נפשך ואל תלעיט בטנך מעדנים. כי ברב אכל רב מכאוב ותבואת זולל כאב בטן (בן סירא לז, לב—לג).

* * *

אכל במדה ערבה שנתו ולאור בקר יקום שמח (בן סירא לא, כא).

אַ פרעהליכעס האַרץ מאַכט בעסער דעם מענשען׳ס לע־בען, לאַנגע יאָהר איז די פרוכט פון פיעל פרייד.

געגום

בעסער איין פולע האַנד אין פערגעניגען, איידער פולע הויפענס אין האָרעוואָניע און שטרעבונגען נאָך ווינד.

*　　*　　*

פערמייד ניט דיין זעעלע פון גוטעס, ווען די צייט ברענגט עס מיט; פאַרוואָס זאָלסטו זיך אָבהאַלטען צו געניסען דיין חלק?

*　　*　　*

ווער עס האָלט אָב זיין זעעלע פון גוטעס, טהוט זיך זעלבסט שאָדען, זיין שלעכטסקייט וועט זיך צו איהם צוריקקעהרען.

איבערפלוס און מעסיגקייט

אויך פון צופיעל לאַכען טהוט וועה דאָס האַרץ, די ענדע פון דעם איז אָפט אַ פערשטערטע שמחה.

*　　*　　*

גיעב זיך ניט אָב צופיעל מיט פערגניגען, שטאָפּ זיך ניט איבער מיט נאַשוואַרג: פון פיעל עסען האָט מען נאָכהער פיעל שמערצען, דער רעזולטאַט פון איבערזעטיגונג איז בויכ־וועהטאָג.

*　　*　　*

ווער עס עסט מיט אַ מאָס איז זיס זיין שלאָף, אַם פריה־מאָרגען שטעהט ער אויף אַ פרעהליכער.

יין ושכרות

אל תרא יין כי יתאדם כי יתן בכוס עינו יתהלך במישרים. אחריתו כנחש ישך וכצפעוני יפרש (משלי כג, לא—לב).

* * *

תנו שכר לאובד ויין למרי נפש. ישתה וישכח רישו ועמלו לא יזכר עוד (משלי לא, ו—ז).

* * *

יין ישמח לבב אנוש אם בעתו ובמשורה ישותה (בן סירא לא, לא).

* * *

היין יחיה נפש האדם אם במשורה ישתה אך הלומי יין מה חייהם (בן סירא לא, ל).

נשים ושלום בית

אשת חן תתמך כבוד ועריצים יתמכו עשר (משלי יא, טז).

* * *

שקר החן והבל היופי (משלי לא, ל).

* * *

נזם זהב באף חזיר אשה יפה וסרת טעם (משלי יא, כב).

* * *

אשת חיל מי ימצא ורחק מפנינים מכרה (משלי לא, י).

וויין און שכרות

קוק ניט וואָס דער וויין איז רויט, פינקעלט שעהן אין גלאָז און לאָזט זיך וואויל בעקומען: די ענדע איז ווי אַ ביס פון אַ גיפטיגע שלאַנג.

* * *

גיט שטאַרקע געטרענקע צו אַ פערצווייפעלטען, און וויין צו אַ פערביטערטע נשמה: זאָל ער טרינקען און פערגעסען זיין אונגליק — זאָל ער ניט דערמאָנען זיך אָן זיינע ליידען.

* * *

וויין פערשאַפט פריידע דעם מענשען, ווען ער טרינקט עס אין צייט און מיט אַ מאָס.

* * *

וויין בעלעבט די זעעלע פון מענשען, ווען ער טרינקט עס מיט אַ מאָס; די וואָס בעטויבען זיך מיט וויין איז זייער לעבען גאָרניט ווערטה.

פרויען און שלום בית

אַ ליעבעסווירדיגע פרוי שאַפט עהרע, און פלייסיגע שאַ־פען פערמעגענס.

* * *

פאַלש איז דער אויסערליכער גלאַנץ, פוסט איז די שעהנ־הייט.

* * *

אַ שעהנע פרוי אָהן געשמאַק און זיטען איז ווי אַ גאָלדענער רונג אין נאָז פון אַ שוויין.

* * *

ווער קען געפינען אַ טוגענדהאַפטע פרוי, איהר פרייז איז טהייערער פון פערל.

טוב שבת על פנת גג מאשת מדינים ובית חבר (משלי כה, כד).

*   *   *

טוב שבת בארץ מדבר מאשת מדינים וכעס (משלי כא, יט).

*   *   *

טוב ארחת ירק ואהבה שם משור אבום ושנאה בו (משלי טו, יז).

*   *   *

טוב פת חרבה ושלוה בה מבית מלא זבחי ריב (משלי יז, א).

*   *   *

טוב שבת עם כפיר ותנין משבת עם אשה רעה (בן סירא כה, יט).

*   *   *

יפת תואר תשמח לב ואין חפץ דומה לה (בן סירא לו, כב).

*   *   *

אשה מעשרת בעלה אין קץ לזדון מדון ובזיון (בן סירא כה, כה).

*   *   *

כהדרת שמש במרומי שחק כן אשת חיל הדרת ביתה (בן סירא כו, יח).

*   *   *

אשת חן משוש בעלה וחכמתה תדשן עצמותיו (בן סירא כו, טו).

*   *   *

אשה הומיה לאיש שלו כמעלה חול לרגלי זקן (בן סירא כה, כג).

בעסער צו וואָהנען אויפ'ן שפּיץ דאַך, איידער מיט אַ קריי־
גערישע פרוי אין אַ געראַומען צימער.

*   *   *

בעסער צו וואָהנען אין אַ ווילדערניס, איידער מיט אַ נער־
ווערזע און קריגערישע פרוי.

*   *   *

בעסער צו עסען שפּייז פון גרינס וואו עס איז דאָ ליעבע,
איידער אַ געשטאָפּטען אָקס, וואו עס הערשט שנאה.

*   *   *

בעסער אַ טרוקענע שטיק ברויט ערוואָרבען אין פריעדען,
איידער אַ פולע הויז מיט שפּייז — דורך קריעג.

*   *   *

בעסער צו וואָהנען צוזאַמען מיט אַ לייב און קראָקאָדיל,
איידער מיט אַ שלעכטע פרוי.

*   *   *

אַ שעהנע פרוי דערפרעהט דאָס הארץ, קיין זאַך קען זיך
צו איהר ניט גלייכען.

*   *   *

ווען אַ פרוי האַלט אוים דעם מאַן, איז קיין סוף ניט צו
קריעגעריי און שאַנדע אין הויז.

*   *   *

ווי די זונן איז אַ פּראַכט אין די הויכע וואָלקענס, אַזוי איז
די טוגענדהאַפטע פרוי — אין איהר הויזגעזינד.

*   *   *

אַ גראַציעזע פרוי איז אַ קוואַל פון פרייד פאַר איהר מאַן,
איהר חכמה פערשאַפט איהם דאָס גרעסטע פערגעניגען.

*   *   *

אַ אימער וואָרטשענדע פרוי צו אַ רוהיגען מאַן, איז ווי אַ
זאַמדיגער ארויפגאַנג פאַר די פיס פון אַ זקן.

אין עצב מעצבת לב ואין איבה מאיבת אשה (בן סירא כה, טז).

* * *

ביין ונשים נבונים נסכלו ורועי זונות הלכו שולל (בן סירא יט, ב).

רעות ואהבת אדם

איש רעים להתרועע ויש אהב דבק מאח (משלי יח, כד).

* * *

טוב שכן קרוב מאח רחוק (משלי כז, י).

* * *

בכל עת אהב הרע ואח לצרה יולד (משלי יז, יז).

* * *

אהב נאמן מבטח עז מצאו מצא מטמון (בן סירא ו, יד).

* * *

רע תמים אין כערכו ולא ישקל כספ מחירו (בן סירא ו, טו).

* * *

אוהב ישן מפני חדש אל תוציא כי החדש לא יערכנו (בן סירא ט, יב).

* * *

בימי אשר לא ינכר האוהב ובימי עוני לא יתנכר האויב (בן סירא יב, ט).

קיין וועהטאָג איז ניט אַזוי גרויס ווי האַרצוועהטאָג, און קיין האַס — ווי פרויען־האַס.

*   *   *

דורך וויין און פרויען ווערען אויך קלוגע פערנאַרישט; די וואָס טרייבען זיך אַרום מיט אויסגעלאַסענע געהען צו גרונד.

פריינדשאַפט און מענשען־ליעבע

מיט פריינד דאַרף מען זיך האַלטען פריינדליך, מאַנכער פריינד איז מעהר צוגעבונדען ווי אַ ברודער.

*   *   *

אַ נאָהנטער שכן איז בעסער פון אַ ווייטען ברודער.

*   *   *

אַ פריינד ליעבט צו יעדער צייט; אין אַן אונגליקס־צייט ווערט אַ ברודער געפונען.

*   *   *

אַ טרייער פריינד איז אַ מעכטיגער שוטץ; ווער עס געפינט איהם, געפינט אַן אוצר.

*   *   *

אַן אמת'ן פריינד איז גאָר ניט אַבצושאַצען, זיין פרייז קען מען מיט זילבער ניט אָבוועגען.

*   *   *

אַן אַלטען פריינד זאָלסטו אויף אַ נייעם ניט פערבייטען, דען דער נייער קען זיך מיט איהם ניט פערגלייכען.

*   *   *

אַ פריינד ווערט ניט אָבגעשעצט דאַן, ווען מען איז גליק־ליך, אין אַן אונגליקס־צייט קען מען אַ פיינד ניט דערקענען.

היה נאמן לאחיך בימי עניו למען תגיל עמו בימי אשרו (בן סירא כב, כו).

* * *

אהב עבדך כמוך ואל תמנע רגעי חפש ממנו (בן סירא ז,כב).

ידידות ונדיבות

צוף דבש אמרי נעם מתוק לנפש ומרפא לעצם (משלי טז, כד).

* * *

מענה רך ישיב חמה ודבר עצב יעלה אף (משלי טו, א).

* * *

עץ נטוע בפריו יודע ולב גבר במוצא שפתיו (בן סירא כז, ו).

* * *

מתק שפה טוב ממתן ואיש לב בשתיהם יודע (בן סירא יח, טז).

* * *

כי כצנת טל עלי חרב כן אמר רך עלי מתן (בן סירא יח, טו).

* * *

מתק שפתים ירבה אוהבים ולשון למודים תזרה אמרי נעם (בן סירא ו, ה).

אהבה ושנאה

מכסה פשע מבקש אהבה ושנה בדבר מפריד אלוף (משלי יז, ט).

זיי געטריי צו דיין ברודער, ווען עס טרעפט איהם אַן אונ־גליק, ווערסטו זיך פרעהען מיט איהם ווען ער איז גליקליך.

* * *

ליעב דיין קנעכט ווי זיך אַליין, לאָז איהם האָבען גענוג פרייע צייט.

פריינדליכקייט און גוטהערציגקייט

האָניג־זיס זיינען אַנגענעהמע רייד, זיס פאַר דער זעעלע און אַ היילונג פאַר'ן קערפער.

* * *

אַ ווייכער ענטפער שטילט דעם צאָרן, אַ בעליידיגונג רעגט נאָך מעהר אויף.

* * *

אַ בוים ווערט דערקענט לויט זיין פרוכט, און דעם מענ־שענס האַרץ — נאָך זיינע רייד.

* * *

אַ זיסע שפּראַך איז אַנגענעהמער פון אַ פּרעזענט, אַ גוט־הערציגער ווערט דורך ביידע זאַכען דערקענט.

* * *

אַ ווייכער וואָרט ביים געבען א מתנה איז ווי אַ בעדעקונג פון טהוי פאַר אַ טריקעניש.

* * *

זיסע רייד פערמעהרען די צאָהל פון פריינד, אַ שעהנע שפּראַך פערמעהרט פריינדליכקייט.

ליעבע און האַס

ווער עס זוכט אַ זינד צו פערדעקען, זוכט ליעבע, ווער עס גיט איבער אַ זאַך, צושיידט פריינד.

שנאה תעורר מדנים ועל כל פשעים תכסה אהבה (משלי י, יב).

* * *

נאמנים פצעי אוהב ונעתרות נשיקות שונא (משלי כז, ו).

חסד ויושר

משפט אמת שפטו וחסד ורחמים עשו איש את אחיו. ואלמנה ויתום גר ועני אל תעשקו ורעת איש אחיו אל תחשבו בלבבכם (זכריה ז, ט—י).

* * *

חסד ואמת אל יעזבך קשרם על גרגרותיך כתבם על לוח לבך (משלי ג, ג).

* * *

פתח פיך שפט צדק ודין עני ואביון (משלי לא, ט).

* * *

אטם אזנו מזעקת דל גם הוא יקרא ולא יענה (משלי כא, יג).

* * *

הצל לקחים למות ומטים להרג אם תחשוך (משלי כד, יא).

* * *

עֹשק דל חרף עשהו ומכבדו חנן אביון (משלי יד, לא).

פֿיינדשאַפֿט ערוועקט קריעג, ליעבע זוכט אַלע פֿעהלערן צו פֿערדעקען.

* * *

טריי זיינען די וואונדען פֿון אַ געליעבטען, די קושען פֿון אַ פֿיינד זיינען בעטריגעריש.

טוגענד און גערעכטיגקייט

אַייער אורטהייל זאָל אויפ'ן ריינעם אמת באַזירען, בעהאַנדעלט מיט מיטלייד און פֿריינדליכקייט איינער דעם צווייטען; אַן אלמנה, א יתום, אַ פֿרעמדען און אַן אָרימאַן זאָלט איהר ניט בערויבען; קיינער זאָל זיך ניט אַרומטראָגען מיט שלעכטע פּלענער געגען דעם צווייטען.

* * *

אום טוגענד און וואַרהייט זאָלען דיך ניט פֿערלאָזען, בינד זיי אָן אַרום דיין האַלז, קריץ זיי איין אויף דיין האַרצען'ס טאפֿעל.

* * *

עפֿען ברייט דיין מויל צו שאַפֿען גערעכטיגקייט און רעכט פֿאַר דעם אָרימאַן און נויטבעדערפֿטיגען.

* * *

ווער עס פֿערשטאָפּט זיין אויער ניט צו הערען דעם געשריי פֿון געדריקטען, וועט זיך קיינער ניט אָברופֿען, ווען ער וועט זעלבסט נאָך הילפֿע רופֿען.

* * *

רעטע אימער, אויב דו קענסט, די וואָס ווערען צום טויט געפֿיהרט און די פֿעראורטהיילטע גע'הרג'ט צו ווערען.

* * *

ווער עס בערויבט אַן אָרימאַן איז, ווי ער לעסטערט זיין בעשעפֿער; ווער עס פֿערעהרט דעם בעשעפֿער, אַכטעט דעם נויטבעדערפֿטיגען.

הצל עשוק מיד עשקו ואל תתרפה לריב את ריבו (בן סירא ד, ט).

*   *   *

נפש רעבה אל תבזה ואל תעציב עני בעניו (בן סירא ד, ב).

*   *   *

אל תסגר את פיך לתשועת עמיתך וחכמתך לא תכסה להתחסד (בן סירא ד, כה).

*   *   *

בוש מהכלים פני אחיך כי פתחת לו ידך (בן סירא מא, כז).

*   *   *

בני היטבת לאחיך אל תמרר נפשו ואל תענהו קשות (בן סירא יח, יד).

*   *   *

אל תוסיף שבר על שבר רוח ומעני לא תקפיץ ידך (בן סירא ד, ג).

*   *   *

בוש מתת ומקחת שחד ומהעלים עינך מדרשי שלומך (בן סירא מא, כג).

צדקה

רדף צדקה וחסד ימצא חיים צדקה וכבוד (משלי כא, כא).

*   *   *

אל תמנע טוב מבעליו בהיות לאל ידך לעשות (משלי ג, כז).

רעטע דעם בערויבטען פון זיינע בעדריקער, און לאָז ניט נאָך, ווען דו קעמפפסט פאַר זיינע אינטערעסען.

* * *

אַ הונגעריגען זאָלסטו ניט פערשעהמען, און אַן אָרימאַן זאָלסטו קיין פערדרוס ניט פערשאַפען.

* * *

פערשלים ניט דיין מויל, ווען דו קענסט העלפען דיין מיט־מענשען; פערדעק ניט דיין חכמה גוטעס צו טהאָן.

* * *

זעה דו זאָלסט ניט פערשעהמען דיין ברודער, ווען דו האָסט פאַר איהם דיין האַנד געעפענט.

* * *

האָסטו, מיין זוהן, גוטעס געטהאָן צו דיין ברודער, פערביטער־זשע איהם ניט זיין געמיטה און רעד ניט צו איהם שטרענג.

* * *

פערמעהר ניט די צרות פון דעם וואָס האָט אַ געבראָכענעם געמיטה, פון אָרימאַן זאָל דיין האַנד ניט צוריקגעצויגען ווערען.

* * *

שעהם זיך צו געבען און נעהמען בעשטעכונג, ווי אויך אָבצואווענדען דיינע אויגען פון די וואָס ווינשען דיר גליק.

וואָהלטהאַט

ווער עס פערפאָלגט גערעכטיגקייט און וואָהלטהעטיגקייט געפינט לעבען, גערעכטיגקייט און עהרע.

* * *

זאָלסט זיך ניט אָבהאַלטען פון צו טהאָן גוטעס ווען עס בעלאַנגט, ווען דו האָסט נאָר די מעגליכקייט.

אם רעב שנאך האכילהו לחם ואם צמא השקהו מים (משלי כה, כא).

* * *

אל האמר לרעך לך ושוב ומחר אתן ויש אתך (משלי ג, כח).

* * *

לא יועילו אוצרות רשע וצדקה תציל ממות (משלי י, ב).

* * *

שלח לחמך על פני המים כי ברב הימים תמצאנו. תן חלק לשבעה וגם לשמונה כי לא תדע מה יהיה רעה על הארץ (קהלת יא, א—ב).

* * *

שבעת לחם זכור הרעב שבעת עשר זכור העני (בן סירא יח, כד).

* * *

בני אל תעזב נפש דל ואל תעלם מאבין עיניך (בן סירא ד, א).

* * *

הט אזנך לאיש מחסור ויערב עליו שיחך (בן סירא ד, ח).

* * *

מים מכבים אש וצדקה תמחה חטאה (בן סירא ג, כט).

* * *

השה ברעך לעת מחסור וכי נשית השיבהו ליום מועד (בן סירא כט, ב).

איז דיין שונא הונגעריג, זעטיג איהם מיט ברויט ; איז ער דורשטיג — גיעב איהם וואַסער צו טרינקען.

*   *   *

זאָג ניט צו דיין פריינד : „געה, און קום צוריק מאָרגען וועל איך דיר געבען", ווען דו האָסט עס ביי זיך יעצט.

*   *   *

אָנגערויבטע אוצרות ברענגען קיין נוצען ; וואָהלטעטיגקייט רעטעט פון טויט.

*   *   *

פערשפרייט דיין ברויט אויפ'ן וואַסער, אין אַ צייט אַרום וועסטו עס געפינען. גיעב אַ טהייל דערפון צו זיעבען און צו אַכט, דען דו ווייסט ניט וואָס פאַר אַן אונגליק עס קען קומען אויף דאָס לאַנד.

*   *   *

ביזטו זאַט מיט ברויט, געדענק דעם הונגעריגען ; האָסטו רייכטהום ערוואָרבען, פערגעס ניט די וואָס פלאַגען זיך.

*   *   *

פערלאָז ניט, מיין זוהן, אַ געדריקטען, און פערבאָרג ניט דיינע אויגען פון נויטבעדערפטיגען.

*   *   *

שענק אויפמערקזאַמקייט צו דעם וואָס ליידעט מאַנגעל, רייד צו איהם מילד.

*   *   *

ווי וואַסער פערלעשט פייער, אַזוי מעקט אָפּ וואָהלטהעטיגקייט זינד.

*   *   *

באָרג צו דיין פריינד אין דער צייט ווען ער נויטהיגט זיך, און ווען דו האָסט געליהען, קעהר אום צוריק דעם חוב אין דער בעשטימטער צייט.

הושע אחיך מסת נדבת ידך אך את נפשך שמור לבל תכשל (בן סירא כט, כג).

* * *

זכר כי המותה לא תאחר ואין לך ברית את מות לכן היטיבה לאחיך בטרם תמות ומשוך חסדך כפי מסת ידך (בן סירא יד, יב—יג).

* * *

גומל חסד ימצא תגמול ובמוט רגליו יתמכו אשריו (בן סירא ג, ל).

שם טוב

נבחר שם מעשר רב מכסף ומזהב חן טוב (משלי כב, א).

* * *

לחיים טובים יש קץ ואין קץ לשם טוב (בן סירא מא, יד).

אחוה

הלוא אב אחד לכלנו הלוא אל אחד בראנו מדוע נבגד איש באחיו (מלאכי ב, י).

* * *

מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד (תהלים קלג, א).

* * *

שלש הנה אהבת נפשי — ובעיני אלהים ואדם תִרצֶינָה:

העלף דיין ברודער לויט דיין מעגליכקייט, היט זיך אָבער דו זאָלסט זעלבסט דערצו ניט אָנקומען.

* * *

געדענק, דאָס דו ווערסט דעם טויט ניט אויסמיידען — האָסט מיט איהם קיין קאָנטראַקט געשלאָסען — טהו דאַרום גוטעס צו דיין ברודער איידער דו שטאַרבסט, צייג איהם דיין גנאַדע, לויט דיין מעגליכקייט.

* * *

ווער עס טהוט גנאַדע, בעקומט פערגעלטונג; ווען זיינע פיס וואַקלען, ווערט ער געשטיצט.

אַ גוטער נאָמען

אַ גוטער נאָמען איז בעסער פון פיעל רייכטהום, און אַנגענעהמע מאַניערען — פון זילבער און גאָלד.

* * *

צו אַ לעבען אין אַל דאָס גוטס איז דאָ אַן ענדע, אַ גוטער נאָמען איז אונשטערבליך.

ברידערליכקייט

האָבען מיר דאָך אַלע איין פאָטער? דער אַלמעכטיגער האָט אונז דאָך אַלע בעשאַפען, פאַרוואָס זאָלען מיר פאַלש זיין איינער צום צווייטען?

* * *

ווי גוט און אַנגענעהם עס איז אַ ברידערליכעס צוזאַמענלעבען.

* * *

דריי זאַכען בעגערט מיין זעעלע — זיי זיינען אויך אַנ־

שבת אחים גם יחד ושכנים ישליון ואיש ואשתו בנחת ינוחו (בן סירא כה, א—ב).

חכמה ודעת

כי תבוא חכמה בלבבך ודעת לנפשך ינעם (משלי ב, י).

* * *

עטרת זקנים חכמה ותפארת נגידים השכל ודעת ויראת יי הדרת כלם (בן סירא כה, ז).

* * *

יין ושיר משמחים הלב ואהבת חכמה עלתה על שניהם (בן סירא מ, יט).

* * *

החכמה תזיל דעת כמטר ותרומם תפארת בעליה (בן סירא א, יט).

* * *

בטרם תלמד למוד בטרם תרפא הרפא (בן סירא יח, יח).

* * *

הוכח בטרם תוכיח (בן סירא יח, יט).

מוסר

אהב מוסר אהב דעת ושונא תוכחת בער (משלי יב, א).

געגעהם צו גאָט און צו לייט — אַ בריעדערליכעס צוזאַמענ־
לעבען, פריעדען ביי שכנים און ווען מאַן און פרוי לעבען רוהיג
אין נחת.

חכמה און קענטנים

ווען דו ווערסט קלוג און פערשטענדיג, דאַן זיינען קענט־
ניסע אַנגענעהם פאַר דיין זעעלע.

* * *

חכמה איז די קרוין פון אַלטע לייט, וויסען און קענטנים
איז די ציערונג פון עדעללייט, גאָטספאָרכטיגקייט איז אַ פּראַכט
פאַר אַלע.

* * *

וויין און מוזיק דערפרעהען דאָס האַרץ, ליעבע צו חכמה
גיט אַ גרעסערען גענוס פוןביידע.

* * *

די חכמה טריעפט מיט קענטנים ווי אַ רעגען, און זי ער־
הויבט דעם פּראַכט פון דעם וואָס בעזיצט איהר.

* * *

איידער דו לערנסט אַנדערע, שטודיר זעלבסט ; איידער
דו פערשרייבסט יענעם אַ רפואה, הייל זיך אַליין אוים.

* * *

איידער דו געהסט יענעם איבערצייגען, זיי פריהער אַליין
איבערצייגט.

שטראָף־רייד

ווער עס ליעבט צו הערען שטראָף־רייד, ליעבט קענטנים ;
אַ לייכט־זיניגער האָט פיינד איבערצייגונג.

לא יאהב לץ הוכח לו אל חכמים לא ילך (משלי טו, יב).

* * *

אל תוכח לץ פן ישנאך הוכח לחכם ויאהבך (משלי ט, ז).

* * *

יסר לץ לקח לו קלון ומוכיח לרשע מומו (משלי ט, ז).

* * *

בני הט מנוער לבך למוסר ושבעת חכמה כי זקנת (בן סירא ו, יח).

קלות דעת

פתי יאמין כל דבר וערום יבין לאשרו (משלי יד, טו).

* * *

בקש לץ חכמה ואין ודעת לנבון נקל (משלי יד, ו).

* * *

העד באחיך לבל יאמין לכל דבר כי טופלי שקר עצמו מספר (בן סירא יט, טו).

לצנות ורכילות

גרש לץ ויצא מדון וישבת דין וקלון (משלי כב, י).

דער לץ ליעבט ניט מען זאָל איהם איבערציייגען, ער ווייכט דאַרום פון דער געזעלשאַפט פון קלוגע.

* * *

אַ לץ זאָלסטו ניט שטראָפען, ער וועט דיך פיינד קריגען; איבערצייג דעם קלוגען, וועט ער דיך ליעבען דערפאַר.

* * *

ווער עס שטראָפט אַ לץ, בעדעקט זיך זעלבסט מיט שאַנדע, ווער עס זוכט צו איבערצייגען אַ פערברעכער, בעגעהט אַ פעהלער.

* * *

נייג, מיין זוהן, דיין האַרץ צו מוסר פון דער יוגענד, וועסטו זיין פול מיט חכמה ווען דו וועסט אַלט ווערען.

לייכטזינן

אַ נאַר גלויבט יעדע זאַך, אַ קלוגער אונטערזוכט עס פריהער.

* * *

ווען דער לץ זוכט שוין זאָגאַר חכמה, קריגט ער עס ניט; דעם פערשטענדיגען קומט אָן דאָס וויסען לייכט.

* * *

וואַרן דיין ברודער ער זאָל ניט אַלעס גלויבען, די צאָהל פון ליעגנער איז אונגעהייער גרויס.

אבשפּאָטונג און פערליימדונג

האַלט דעם לץ אַוועק פון דיין הויז, וועט פערשווינדען די שטרייט, עס וועט אויפהערען צו הערשען קריעג און שאַנדע.

באפס עצים תכבה אש ובאין נרגן ישתק מדון (משלי כו, ב).

* * *

דברי נרגן כמתלהמים והם ירדו חדרי בטן (משלי כו, כב).

* * *

שמעת דבה קברה בבטנך ואל תירא כי לא תבקע (בן סירא יט, י).

* * *

בוז יבוזו לגנב כי יגנב ונבזה ממנו הולך רכיל (בן סירא ה, יז).

חכמה וסכלות

הולך את חכמים יחכם ורעה כסילים ירוע (משלי יג, כ).

* * *

ערום ראה רעה נסתר פתאים עברו נענשו (משלי כז, יב).

* * *

תחת גערה במבין מהכות כסיל מאה (משלי יז, י).

* * *

ראית איש חכם בעיניו תקוה לכסיל ממנו (משלי כו, יב).

ווען עס פעהלט האָלץ, ווערט דאָס פייער אויסגעלאָשען, אָהן אַ בריידער ווערט די קריעג שנעל איינגעשטילט.

*　*　*

ווי אין שפּאָס זיינען די ווערטער פון בריידער, זיי געהען אָבער אריין טיעף אין די געדערים.

*　*　*

האָסטו געהערט רכילות, בעגראָב עס ביי זיך אין בויך; האָב קיין מורא ניט, ער וועט ניט צושפּאַלטען ווערען.

*　*　*

מען פערראַכטעט שטאַרק אַ גנב, מעהר פעראַכטונג פערדינט אָבער דער וואָס טרייבט רכילות.

קלוגהייט און נאַרישקייט

ווער עס געהט אַרום צווישען קלוגע, ווערט זעלבסט ענטוויקעלט. ווער עס פערברענגט די צייט מיט לייכטזיניגע, ווערט סוף כל סוף פערדאָרבען.

*　*　*

אַ קלוגער זעהט פאָראויס די שלעכטס ווען עס איז נאָך זאַגאַר פערבאָרגען; נאַראָנים שטויסען זיך אויף דעם אָן און ווערען געשטרויכעלט.

*　*　*

אויף אַ פערשטענדיגען האָט מעהר ווירקונג אַ פאָרוואורף, ווי הונדערט קלעפּ פאַר אַ נאַר.

*　*　*

ווען דו זעהסט אַ מענשען, וועלכער האַלט זיך זעלבסט פאַר אַ גרויסען חכם, קענסטו פון איהם ניט מעהר ערוואַרטען, ווי פון אַ נאַר.

אדם ערום כסה דעת ולב כסילים יקרא אולת (משלי יב, כג).

* * *

טוב לשמע גערת חכם מאיש שמע שיר כסילים (קהלת ז, ה).

* * *

אמרי חכם כפלג מים ועצת שפתיו כמקור חיים (בן סירא כ, לא).

* * *

טוב אויל מכסה אולתו מחכם חכמתו (בן סירא כ, לא).

כבוד והתפארות

כשלג בקיץ וכמטר בקציר כן לא נאוה לכסיל כבוד (משלי כו, א).

* * *

לפי שכלו יהלל איש ונעוה לב יהיה לבוז (משלי יב, ח).

* * *

אל תתהלל ביום מחר כי לא תדע מה ילד יום (משלי כז, א).

* * *

נשיאים ורוח וגשם אין איש מתהלל במתת שקר (משלי כה, יד).

* * *

אל תהלל איש בטרם שמעתו כי בניב שפתיו ינכר גבר (בן סירא כז, ז).

א קלוגער פערדעקט זאָגאַר זיינע קענטניסע, און אַ נאַר שרייט אוים זיין נאַרישקייט.

* * *

בעסער צו הערען אַ געשריי פון אַ קלוגען, איידער געזאַנג פון נאַראָנים.

* * *

די רייד פון חכם זיינען ווי אַ קלאָהרער וואסער־שטראָם, די עצה וואָס געהט אַרוים פון זיינע ליפּען איז אַ לעבענסקוואַל.

* * *

בעסער זאָל אַ נאַר פערדעקען זיין נאַרישקייט, איידער אַ קלוגער זיין חכמה.

עהרע און בעריהמעריי

ווי שנעע אַם זומער און ווי רעגען אין שניט־צייט, אַזוי פּאַסט כבוד פאַר אַ נאַר.

* * *

אַ מענש ווערט גערימהמט לויט זיין שכל, דער אונבעזאָנע־נער איז דאַרום אימער צו שאַנדע.

* * *

ריהם זיך ניט מיט מאָרגעדיגען טאָג, דו ווייסט נאָך ניט וואָס דער היינטיגער קען ברענגען.

* * *

ווי וואָלקענס און ווינד אָהן רעגען, אַזוי איז אַ פּוסטער בעריהמער.

* * *

לויב ניט איינעם, איידער דו הערסט איהם רעדענדיג; אַ מענש ווערט דורך דער שפּראַך פון זיינע ליפּען דערקענט.

אל תתרומם בלבבך פן תוקש ותכלם (בן סירא א, ל).

* * *

בהדר לבושך אל תתפאר ובכבודך אל תתהלל (בן סירא יא, ד).

* * *

אל תתנשא בתחבלות לבך ולא תאמץ כשור כחך (בן סירא ו, ב).

גאוה וענוה

גאות אדם תשפילנו ושפל רוח יתמך כבוד (משלי כט, כג).

* * *

יהללך זר ולא פיך נכרי ולא שפתיך (משלי כז, ב).

* * *

מאד מאד השפל נפשך כי אחרית אנוש עש ורמה (בן סירא ז, יח).

* * *

ברבות שיאך השפל רוחך ותמצא חן בעיני יי (בן סירא ג, יח).

* * *

בני הכן בענוה כל מעשיך ויקרת בעיני אנשים יקרים (בן סירא ג, יז).

הכנעה

הכר פנים לא טוב ועל פת לחם יפשע גבר (משלי כח, כא).

האַלט זיך ניט גרויס, דו קענסט נאָך געשטרויכעלט ווע־רען און בלייבען פערשעהמט.

* * *

שטאָלציר ניט מיט דיינע קליידער און בעריהם זיך ניט מיט דיין עהרענהאַפטע לאַגע.

* * *

גרויס זיך ניט מיט דיינע פלענער, און מאַך ניט קיין אי־בערנאַטירליכע אנשטרענגונג.

שטאלץ און בעשיידענהייט

גאוה ערניעדעריגט דעם מענשען, בעשיידענהייט מאַכט איהם עהרע.

* * *

זאָל דיך אַ פרעמדער ריהמען, ניט דיין אייגענע מויל, אַן אַנדערער — ניט דיינע אייגענע ליפען.

* * *

האַלט זיך זעהר נידעריג, דען די ענדע פון שטערבליכען איז שפייז פאַר ווערים.

* * *

וואָס גרעסער דו ביזט, אַלץ נידעריגער זאָלסטו זיך האַל־טען, וועסטו ביי גאָט חן געפינען.

* * *

ערפיעל, מיין זוהן, מיט בעשיידענהייט אַלע דיינע טהאַ־טען, וועסטו געשעצט ווערען פון גוטע מענשען.

ערניעדערונג

צו שווינען יעמאַנדען צוליעב זיין פערזענליכקייט, איז ניט

מעין נרפש ומקור משחת צדיק מט לפני רשע (משלי כה, כו).

* * *

לחם עני ינעם ללא ידע בשת אך אש אכלת הוא בבטנו (בן סירא מ, לא).

* * *

בני מנע רגלך מנדד ללחם כי טוב המות מחיי נדודים (בן סירא מ, כח).

חניפה

בפה חנף ישחית רעהו ובדעת צדיקים יחלצו (משלי יא, ט).

* * *

רבים יחלו פני נדיב וכל הרע לאיש מתן (משלי יט, ו).

* * *

רב אדם יקרא איש חסדו ואיש אמונים מי ימצא (משלי כ, ו).

* * *

רבים יחלו פנ' נדיב ובעת רעה יתעלמו (בן סירא ו, ח).

קנאה

אל תתחר במרעים אל תקנא ברשעים (משלי כה, יט).

ריכטיג; צוליעב ברויט דאַרף אַ מענש ניט בעגעהן קיין פער־
ברעכען.

*   *   *

פונקט ווי אַ פערשמוצטער קוואַל און אַ פערדאָרבענער
ברונען איז דער עהרליכער וואָס בויגט זיך פאַר אַ לומפּ.

*   *   *

ברויט דורך ערניעדערונג שמעקט גוט דעם וואָס וויים פון
קיין שאַנדע, עס איז אָבער ווי אַ פערצעהרענדער פייער אין
זיין בויך.

*   *   *

מייד אוים, מיין זוהן, די וועג פון שנאָרעריי, איידער אַזאַ
לעבען איז בעסער דער טויט.

שמייכלעריי

מיט חניפה פערדאַרבט מען דעם צווייטען; דורך אויפ־
ריכטיגקייט ווערען עהרליכע גערעטעט.

*   *   *

פיעלע שמייכלען זיך צום וואָהלטהעטער, יעדער איז אַ
פריינד צום פרייגעביגען.

*   *   *

פיעלע מענשען פראָקלאַמירען פאַר אַנדערע זייער גוטס־
קייט, ווער קען אָבער אַן אויפריכטיגען געפינען?

*   *   *

פיעלע שמייכלען זיך צום פרייגעביגען, און ווען ער איז אין
אונגליק, פערשווינדען זיי.

בענײדונג

ערגער זיך ניט צוליעב שלעכטע מענשען, בענײדע ניט די
פערברעכער.

קשה כשאול קנאה רשפיה רשפי אש שלהבתיה (שיר השירים ח, ו).

* * *

אל תקנא בעול כי יגדל כי לא תדע אחריתו (בן סירא ט, יד).

נקמה

אל תאמר כאשר עשה לי כן אעשה לו אשיב לאיש כפעלו (משלי כד, כט).

* * *

בנפול איביך אל תשמח ובכשלו אל יגל לבך (משלי כד, יז).

* * *

במות אויבך אל תשמח כי בני מות כלנו (בן סירא ח, ח).

* * *

אל תתאנף באיש אשר חטא לך ואל תהי נבהל לנקמה (בן סירא י, ח).

התרגשות וכעס

איש חמה לא יצדק ומשובת רוחו תהרגהו (בן סירא א, כב).

* * *

איש חמה כאש יוקדת לא ינוח עד כי אכל בשרו (בן סירא כג, כא).

קנאה איז אַזוי גרויזאַם ווי דער קבר, איהרע קאָהלען זייד נען ווי פון אַ פלאַמענדען פייער.

*   *   *

זייַ ניט מקנא דעם לומפּ, ווען ער ווערט ערהויבען: דו ווייסט ניט וואָס זיין ענדע וועט זיין.

ראַכע

זאָג ניט: „ווי ער האָט מיר געטהאָן וועל איך איהם טהאָן, איך וועל יעדען בעצאָהלען לויט זיין פערדיענסט".

*   *   *

פרעה זיך ניט ווען דיין פיינד פאַלט, ווען ער גליטשט זיך אוים, זאָלסטו זיך ניט לוסטיג מאַכען.

*   *   *

פרעה זיך ניט ווען דיין פיינד שטאַרבט, מיר זיינען אַלע שטערבליך.

*   *   *

זייַ ניט שטאַרק, אין כעס אויף איינעם וואָס האָט געגען דיר געזינדיגט, און זייַ ניט צופיעל ראַכעזיכטיג.

אויפרעגונג און צאָרן

אַ כעסן איז קיינמאָל ניט גערעכט, די ווילדקייט פון זיין גייסט ברענגט איהם אום.

*   *   *

אַ כעסן איז ווי אַ ברענענדער פייער, ער רוהט ניט ביז ער פערצעהרט זיין פלייש.

קיטור ועשן לפני להב וריב ומצה לפני רצח (בן סירא כב, כח).

* * *

רוגז רגע תשכיח ענג רב (בן סירא יא, ל).

מהירות חמה ושליטה ברוח

איש חמה יגרה מדון וארך אפים ישקיט ריב (משלי טו, יח).

* * *

טוב ארך אפים מגבור ומשל ברוחו מלכד עיר (משלי טז, לב).

* * *

אל תבהל ברוחך לכעוס כי כעס בחיק כסילים ינוח (קהלת ז, ט).

* * *

השמר לך והיה תמים ובעת צרה אל תבהל ברוחך (בן סירא ב, ב).

* * *

אל תרשיע בטרם חקרת דרש היטב ואחרי כן תשפט (בן סירא יא, ח).

* * *

שים מעצור לרוחך ובמאויי לבבך אל תלך (בן סירא יח, כט).

אמת ושקר

דברו אמת איש את רעהו אמת ומשפט שלום שפטו בשעריכם (זכריה ח, טז).

אַ דיקער רויך קומט פאַר אַ פלאַם, צאַנקערייַ און קריעג — פאַר אַ מאָרד.

*　*　*

צאָרן אויף אַ מאָמענט מאַכט פערגעסען פיעל פערגניגען.

היציגקייט און זעלבּסטבּעהערשונג

אַ היציגער ערוועקט אימער קריג, אַ קאַלטבּלוטיגער שטילט איין צאַנקערייַ.

*　*　*

זיך צוריקהאַלטען פון צאָרן איז בעסער ווי אַ העלד צו זיין, בעהערשען זיך איז וויכטיגער ווי אַ שטאָדט איינצו־נעהמען.

*　*　*

אַייל זיך ניט אין כעס צו ווערען, צאָרן האָט זיין רוהע־פּלאַץ אין שוים פון נאַראָנים.

*　*　*

פּאַס אויף זיך אויף און זעה צו פערבּלייבען אונשולדיג; פערליער זיך ניט אין צייט פון אונגליק.

*　*　*

איידער דו האָסט אַ זאַך אויסגעפאָרשט, אַייל זיך ניט צו פערראורטהיילען; זוך גוט נאָך און נאכהער גיב אָרוים אַן ענט־שיידונג.

*　*　*

זעה אַיינצוצאַמען דיין גייסט, און געה ניט נאָך אַלע נייַ־גונגען פון דיין האַרצען.

וואַהרהייט און ליעגען

אין אַייערע געשפּרעכען איינער מיט'ן צווייטען זאָלט

השמר מפשוע באמת (בן סירא ד, כז).

* * *

בנפשך הלחם בעד האמת (בן סירא ד, ל).

* * *

דובר שקר מרים קלון וקלון לא יסור ממנו עד עולם (בן סירא כ, כו).

תמימות ורשעות

תמת רשעים תנחם וסלף בגדים ישדם (משלי יא, ג).

* * *

אנשי דמים ישנאו תם וישרים יבקשו נפשו (משלי כט, י).

* * *

בטוב צדיקים תעלץ קריה ובאבד רשעים רנה (משלי יא, י).

* * *

הולך בתום ילך בטח ומעקש דרכיו יודע (משלי י, ט).

* * *

שש הנה שנא יי ושבע תועבת נפשו. עינים רמות לשון שקר וידים שפכות דם נקי. לב חרש מחשבות און רגלים ממהרות

איהר בלויז דעם ריינעם אמת זאָגען, די געזעצע וואָס איהר פיהרט איין ביי זיך זאָלען זיין דורכגעדרונגען מיט אמת און פריעדען.

* * *

היט זיך דו זאָלסט ניט זינדיגען געגען אמת.

* * *

מיט דיין לעבען זאָלסטו פאַר'ן אמת קעמפפען.

* * *

ווער עס זאָגט ליעגען, ערהויבט די שאַנדע און בעדעקט זיך זעלבסט מיט דעם אויף אייביג.

אונשולד און פערדארבענהייט

פאַר אויפריכטיגע איז אַ טרייסט זייער אונשולד, פער־רעטהער רואינירט זייער אייגענע פערדאָרבענהייט.

* * *

בלוטדורשטיגע מענשען האַסען דעם עהרליכען און זוכען דעם לעבען פון די אויפריכטיגע.

* * *

ווען די עהרליכע איז גוט, פרעהט זיך די שטאָדט, און ווען פערברעכער זיינען אונגליקליך, איז אַ געזאַנג.

* * *

דער אונשולדיגער געהט אימער מיט זיכערע טריט, דעם פערברעכער דערקענט מען נאָך זיין גאַנג.

* * *

זעקס זיינען די זאַכען וואָס גאָט האַסט, און די זיעבעטע איז ביי איהם אבשייליך : שטאָלצע אויגען, אַ פאַלשע צונג, הענד וואָס פערגיסען אונשולדיג בלוט, אַ האַרץ וואָס טראַכט פערברעכערישע פלענער, פיס וואָס לויפען שלעכטס צו טהאָן,

לרוץ לרעה. יפיח כזבים עד שקר ומשלח מדנים בין אחים (משלי ו, טז—יט).

* * *

מי יאמר זכיתי לבי טהרתי מחטאתי (משלי כ, ט).

* * *

כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא (קהלת ז, כ).

* * *

לחם עני מחית נפשו וגזלו שפך דמו (בן סירא לד, כב).

* * *

שן העון כשן הלביא כל הקִרב ימית נפשו (בן סירא כא, ג).

* * *

שופט מעֻול במשפט כשומר בתולה ומחללה (בן סירא כ, ג).

* * *

אך כחברת זאב עם כבש כן חברת צדיק עם רשע (בן סירא יג, יט).

* * *

החזק בתמתך ואל תטוש ותחליף כח ותתחזק (בן סירא ב,ג).

* * *

היה מוצק ברוחך וכלבבך כן פיך (בן סירא ה, יב).

* * *

אשרי אדם לא ירשיענו רוחו (בן סירא יד, ב).

אַ ליגנער וואָס זאָגט פאַלש עדות און דער וואָס ערוועקט קריג צווישען זיינע מיטברידער.

* * *

ווער קען זאָגען, איך בין פאָלקאָמען, מיין הארץ איז אונ־בעפלעקט?

* * *

עס איז ניטאַ קיין איינציגער צדיק אויף דער וועלט, וועל־כער זאָל טהאָן דורכאויס גוטעס און ניט זינדיגען.

* * *

דאָס ברויט פון אָרימאַן איז דאָס לעבען זיינער, ווער עס בערויבט איהם (פון דעם), פערגיסט זיין בלוט.

* * *

דער צאָהן פון אונרעכט איז ווי דער צאָהן פון לייב, ווער עס דערנעהנטערט זיך צו דעם, ברענגט אויף זיך אונגליק.

* * *

אַ ריכטער וואָס איז פאַלש אין אורטהייל איז ווי איינער, וועמען עס ווערט אנפערטרויט אַן אונשולדיגע מיידעל און ער פערשוועכט איהר עהרע.

* * *

ווי אַ וואָלף קען זיין בעפריינדעט מיט אַ שעפּס, אַזוי קען דער עהרליכער פעראייניגט זיין מיט אַ פערברעכער.

* * *

האַלט זיך שטייף ביי דיין אונשולד און פערלאָז עס ניט, ווערסטו צוריק בעקומען קראַפט און שטאַרק ווערען.

* * *

זיי פעסט אין דיין גייסט, און זאָל דיין מויל מיט דיין האַרץ שטימען.

* * *

וואויל איז דעם מענשען, וועמעס געוויסען עס בעשולדיגט איהם ניט.

מרמה וצביעות

בשפתו ינכר שונא ובקרבו ישית מרמה. כי יחנן קולו אל תאמן בו כי שבע תועבות בלבו (משלי כו, כד—כה).

* * *

שחה לעפר נפשו והוא כחרש ואם לא נשמרת יעבר עליך להשחיתך (בן סירא יט, כה).

* * *

אל תלך אל כל רוח ואל תסוב אל כל מסלה כי זה דרך הפכפך (בן סירא ה, יא).

* * *

אל תהי חנף ביראתך נצור לשונך ושפתי פיך (בן סירא א, כט).

* * *

רעי רעי כל פה מצפצף ואין רע זולתי בפה (בן סירא לז, א).

* * *

חללים רבים הפילה החרב ורבים מהם לשון רמיה (בן סירא כח, כא).

דרך ארץ ומדות טובות

כי תבוא בכרם רעך ואכלת ענבים כנפשך שבעך ואל כליך לא תתן (דברים כג, כה).

פאַלשקייט און צבוע'צסטווא

דעם שונא קען מען דערקענען נאָך זיינע ליפען, מעג ער זיין פאַלשקייט טיעף אין זיך בעהאַלטען. ווען ער רעדט מיט אַ ווייכע שטימע, האָב-צו איהם קיין צוטרויען: אין האַרצען ביי איהם איז פערבאָרגען אַ זיעבענפאַכער בעטרוג.

* * *

ער בויגט זיך צו דער ערד און מאַכט זיך ווי טויב, ביזטו אָבער ניט פאָרזיכטיג, וועט ער אויף דיר טרעטען און דיך פער־אונגליקען.

* * *

געה ניט איבעראַל וואו דער ווינד בלאָזט, און וואַרף זיך ניט אויף אַלערליי וועגען — דאָס איז די וועג פון ניט־געזעצ־טען מענשען.

* * *

זיי ניט קיין היפּאָקריט, היט דיין צונג און גיב גוט אַכטונג אויף דיינע ליפען.

* * *

„פריינד מיינער, פריינד" — הערט מען יעדען מורמלענ־דיג, אין דער אמת'ן זיינען זיי פריינד בלויז מיט'ן מויל.

* * *

פיעלע אָפּפער זיינען אומגעקומען פון שווערד, נאָך מעהר אָבער — דורך אַ פאַלשע צונג.

עטיקעטע און גוטע זיטען

ווען דו בעזוכסט דיין פריינד'ס ווייגאָרטען, מעגסטו עסען וויינטרויבען וויפיעל דו ווילסט, מיטנעהמען פון דעם אין אַ כלי זאָלסטו ניט.

הוקר רגלך מבית רעך פן ישבעך ושנאך (משלי כה, יז).

* * *

בז לרעהו חסר לב ואיש תבונות יחרש (משלי יא, יב).

* * *

משיב דבר בטרם ישמע אולת היא לו וכלמה (משלי יח, יג).

* * *

אל תען כסיל כאולתו פן תשוה לו גם אתה (משלי כו, ד).

* * *

סכל ימלא שחוק פיהו ונבון כמעט יפצה שפתיו (בן סירא כא, כג).

* * *

אל מר נפש לא תלעג (בן סירא ז, יב).

* * *

אל תלעג לזקן כי נזקן גם אנחנו (בן סירא ח, ז).

* * *

כסיל מטה אזנו אל דלת רעהו ובעיני חכם אולת היא וכלמה (בן סירא כא, כו).

* * *

טרם שמעת אל תענה ואל תפריע איש מכלכל דבריו (בן סירא יא, ט).

* * *

אל תהלל איש על יפיו ואל תבוז איש על מראהו (בן סירא יא, ב).

געה ניט צו אָפט מיט וויזיטען אין הויז פון דיין פריינד, דו קענסט נאָך איהם איבערדריסיג ווערען און ער וועט דיך פיינד קריגען.

* * *

ווער עס פערשעהמט דעם נעכסטען, איז אַ הארצלאָזער מענש, אַ פערשטענדיגער שווייגט.

* * *

ווער עס ענטפערט, איידער ער האָט אין גאַנצען אויסגע־הערט, איז עס פון איהם אַ נארישקייט און אַ שאַנדע.

* * *

ענטפער ניט אַ נאַר מיט די זעלבע נארישע רייד, דו קענסט נאָך צו איהם פערגליכען ווערען.

* * *

אַ נאַר פיעלט אָן זיין מויל מיט געלעכטער, אַ פערשטענ־דיגער עפענט קוים זיינע ליפען.

* * *

לאַך ניט פון יענעם ווען איהם איז ביטער אויפ'ן הארצען.

* * *

שפּאָט ניט פון אַן אַלטען מאַן, מיר זעלבסט וועלען אויך אַלט ווערען.

* * *

אַ נאַר בויגט צו זיין אויער צו זיין פריינד'ס טיהר, אין די אויגען פון אַ קלוגען איז עס מיאוס און שענדליך.

* * *

ענטפער ניט, איידער דו האָסט אויסגעהערט, אונטערברעך ניט איינעם, ווען ער ענטוויקעלט זיינע געדאַנקען.

* * *

לויב ניט איינעם צוליעב זיין שעהנהייט און פערשעהם ניט קיינעם צוליעב זיין אויסזעהן.

אל תוכיח רעך עת משתהו ואל תריב אתו בשמחתו (בן סירא לא, לד).

* * *

שב מחטאיו אל תזכר עונו כי חטאים כלנו (בן סירא ח, ו).

* * *

אכול בנחת את הנתון לפניך ואל תבלע לבל תמאס (בן סירא לא, יז).

* * *

במושב רעים קום ראשונה ואל תהי ממאחרי שבת (בן סירא לב, יג).

* * *

הוה מנחם למורידי דמעה ועם אבלים התאבל (בן סירא ז, לח).

בחרות וזקנה

תפארת בחורים כחם והדר זקנים שיבה (משלי כ, כט).

* * *

אם בנער לא תאגר אנא תמצא כי שבת (בן סירא כה, ה).

* * *

כלכל בני שיבת אביך וימי חייו אל תעצב (בן סירא ג, יא).

* * *

טוב בניך יבקשו מידך מבקש אתה מידם (בן סירא לג, כד).

שטראָף ניט דיין פריינד אין דער צייט, ווען ער מאַכט אַ מאָהלצייט, קריעג זיך ניט מיט איהם אויף זיין שמחה.

*   *   *

אַ בעל תשובה זאָלסטו זיינע זינד ניט דערמאָהנען, מיר זייי־נען אלע זינדיג.

*   *   *

עס גלעזעלן וואָס דו האָסט פאַר זיך, שלינג עס ניט, דו זאָלסט ניט פער׳מיאוס׳ט זיין.

*   *   *

אין אַן אונטערהאַלטונג צווישען פריינד שטעה אויף דער ערשטער; זיי ניט דער לעצטער צו פערבלייבען זיצען.

*   *   *

טרייסט די וואָס פערגיסען טרעהרען, דריק אויס דיין מיט־געפיהל צו די וואָס טרויערען.

יוגענד און עלטער

די פראַכט פון יונגע לייט איז זייער פיזישע קראַפט, פאַר אַלטע לייט איז אַ ציערונג זייער גרויער עלטער.

*   *   *

ווען דו ווערסט אין דער יוגענד ניט אָנזאַמלען, וואו ווערסטו נעהמען ווען דו ווערסט אַלט ווערען?

*   *   *

העלף, מיין זוהן, דיין אַלטען פאָטער, און פערשאַף איהם ניט קיין שמערצען, כל זמן ער לעבט.

*   *   *

בעסער זאָלען דיינע קינדער צו דיר אָנקומען, איידער דו זאָלסט דאַרפען אויסקוקען פון זיי עטוואָס.

חנוך

חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנה (משלי כב, ו).

* * *

אם בנים לך חנוך אותם ומנוער הט שכמם לסבול (בן סירא ז, כד).

דבור ושתיקה

מות וחיים ביד לשון (משלי יח, כא).

* * *

ברוב דברים לא יחדל פשע וחושך שפתיו משכיל (משלי י, יט).

* * *

חושך אמריו יודע דעת וקר רוח איש תבונה (משלי יז, כז).

* * *

דליו שקים מפסח ומשל בפי כסילים (משלי כו, ז).

* * *

לב סכל בפיו ופי נבון בלבבו (בן סירא כא, כח).

* * *

אם חכמת תן מענה ואם אין שים ידך למו פיך (בן סירא ה,יד).

* * *

יש מחשה כי אין מענה ויש מחשה כי עת לחשות (בן סירא כ, ה).

ערציהונג

ערציה דאָס קינד לויט זיין שטייגער, וועט די לעהרע ביי איהם פערבלייבען אויך אויף דער עלטער.

*   *   *

האָסטו קינדער, גיעב זיי אַ גוטע ערציהונג, געוועהן זיי איין פון דער יוגענד ליידען צו פערטראָגען.

רעדען און שווייגען

טויט און לעבען ליעגט אין דער מאַכט פון צונג.

*   *   *

דורך פיעל רייד קען מען פעהלערען ניט אויסמיידען, אַ קלוגער איז אימער איינגעהאַלטען אין ווערטער.

*   *   *

דער מאַן וואָס בעזיצט קענטניס איז שפּאָרזאַם אין ווער־טער, אַ געזעצטער מענש איז אימער קאַלטבלוטהיג.

*   *   *

פונקט ווי די פיס ביי אַ הינקעדיגען, אזוי איז אַ שפּריכ־וואָרט אין מויל פון אַ נאַר.

*   *   *

דאָס הארץ פון נאַר איז אין זיין מויל, און דאָס מויל פון פערשטענדיגען איז אין זיין הארץ.

*   *   *

ביזטו קלוג, זאָלסטו רעדען ; וועו ניט, שווייג בעסער.

*   *   *

מאַנכער שווייגט, ווייל ער געפינט קיין ווערטער, און מאַנ־כער — ווייל עס איז מעהר פּאַסענד צו שווייגען.

השכל תשכיל על דבריך ואמר הרבה במלים מצער (בן סירא לב, ט).

חריפות ולשון למודים

שמחה לאיש במענה פיו ודבר בעתו מה טוב (משלי טו, כג).

* * *

תפוחי זהב במשכיות כסף דבר דבר על אפניו (משלי כה, יא).

* * *

חליל וכנור ינעמו לאזן ומשניהם אמרי שפר (בן סירא מ, כ).

להג

נצר פיו שמר נפשו פשק שפתיו מחתה לו (משלי יג, ג).

* * *

שמועה שמעת אל תפיץ חוצה ולא יתן איש בך דופי (בן סירא יט, ז).

* * *

גולה סוד אבדה אמנתו יבקש אוהב ולא ימצאנו (בן סירא כז, טז).

בעקלעהר פריהער וואָס דו האָסט צו זאָגען, און דריק אויס פיעל אין ווייניג ווערטער.

שאַרפזינן און רעדע־קונסט

עס איז אַ פערגניגען צו הערען אַ ריכטיגען ענטפער ; ווי גוט עס איז אַ פאַסענדער וואָרט אין דער צייט !

*   *   *

ווי גאָלדענע עפּעל אין אַ זילבערנע איינפאַסונג, אַזוי איז אַ וואָרט וואָס איז גוט צוגעפּאַסט.

*   *   *

די מעלאָדיען פון פליוטע און האַרפּע זיינען אַנגענעהם פאַר׳ן אויער, מעהר פון זיי ביידען אָבער — אַ שעהנע רעדע.

פלוידעריי

ווער עס בעוואַכט זיין מויל, היט זיין זעעלע ; ווער עס פּלוידערט פיעל, פערשאַפט זיך אַליין שמערצען.

*   *   *

האָסטו עטוואָס געהערט, צוטראָג עס ניט איבעראַל, וועט מען וועגען דיר קיין שלעכטעס ניט ריידען.

*   *   *

ווער עס ענטדעקט אַ געהיימנים, פערליערט מען צו איהם דעם צוטרויען, ער מעג דאַן ווי זוכען אַ פריינד, וועט ער איהם ניט געפינען.

ביישנות

עיניך לנכח יביטו ועפעפיך יישרו נגדך (משלי ד, כה).

* * *

לא כל עת הבושה נכונה ולא היא עד על האמת (בן סירא מא, יח).

* * *

כי יש בושה לחטאת תמנה ויש בושה לצדקה תחשב (בן סירא ד, כג).

* * *

לא תשא פני איש לבשתך ולא תבוש כי נפלת (בן סירא ד, כד).

סבלנות

אל כל משא כלכל לבך וקבל ברצון כל רעה (בן סירא ב, ד).

* * *

ואיש ענו יחכה עד בא עת וגמולו ישלם לו (בן סירא א, כג).

דיקנות

טוב אשר לא תדר משתדור ולא תשלם (קהלת ה, ד).

* * *

מוצא שפתיך תשמור ועשית ותמצא משען בעת צרה (בן סירא כט, ג).

שעהמעדיגקייט

דיינע אויגען זאָלען אימער גראַד קוקען, און דיינע ברע־מען זאָלען אויפריכטיג זיין צו דעם וואָס איז פאַר דיר.

* * *

שעהמעדיגקייט איז ניט אימער בערעכטיגט, זי איז אויך קיין בעווייז ניט אַז מען איז אויפריכטיג.

* * *

עס איז דאָ אַ מין שעהמעדיגקייט, וואָס ווערט אַלס אַ חסרון פעררעכענט, און עס איז דאָ אַזאַ, וואָס ווערט בעטראַכט אַלס אַ מעלה.

* * *

זאָלסט ניט שוינען יענעם וואָס זוכט דיך צו פערשעהמען, און שעהם זיך ניט, ווען דו פאַלסט.

געדולד

געוועהן זיך איין צו פערטראָגען יעדע לעבענס־לאַסט, נעהם אויף געדולדיג יעדען אונגליק.

* * *

אַ געדולדיגער טראָגט איבער ביז אַ צייט, און בעקומט ענדליך זיין לוין.

פּינקטליכקייט

איידער דו זאָלסט צוזאָגען און ניט בעצאָהלען, בעסער זאָג ניט צו.

* * *

וואָס דו ברענגסט אַרויס פון דיינע ליפּען, זאָלסטו היטען

דבר בעתו ויאות

עת קנות במעט מזער ועת ישלם שבעתים (בן סירא כ, יא).

* * *

שיחה בלא עתה כשיר בלב זעף מוסר ולקח יפים בעתם (בן סירא כב, ו).

* * *

גם כי נגידים ידבר להבל נחשבו כי לא בעתו ידבר (בן סירא כ, כ).

* * *

לא כל דבר יכון לכל אדם ולא כל נפש יסכן לכל חפץ (בן סירא לז, לא).

זהירות

שמר פיו ולשנו שמר מצרות נפשו (משלי כא, כג).

* * *

טוב אשר תאחז בזה וגם מזה אל תנח ידך (קהלת ז, יח).

* * *

אל תפיח גחלת עול פן תכוה באש עולתו (בן סירא ח, יג).

צו ערפיעלען, וועסטו דאַן געפינען אַן אנשפּאַרונג אין אַ שלעכ־טע צייט.

צייטמעסיגקייט און פּאַסיגקייט

עס איז דאָ אַ צייט צו קויפען פּאַר אַ קליינינגקייט, און אַ צייט צו צאָהלען זיעבען מאָל אַזוי פיעל.

*   *   *

אַ געשפּרעך ניט אין דער צייט איז, ווי אַ געזאַנג פּאַר אַ פערביטערטעס האַרץ; שטראָף־רייד און בעלעהרונג זיינען אויך שעהן בלויז אין דער פּאַסענדער צייט.

*   *   *

ווי פערנינפטיג יעמאַנד זאָל ניט רעדען, ווערען זיינע רייד בעטראַכט אַלס פּוסטע קלאַנגען, ווען עס איז ניט אין דער צייט.

*   *   *

ניט יעדע זאַך פּאַסט פּאַר יעדען מענשען, און ניט יעדער איינער האָט פערגניגען פון יעדען געגענשטאַנד.

פּ אָ ר ז י כ ט י ג ק י י ט

ווער עס פּאַסט אויף אויף זיין מויל און צונג, פערהיט זיך זעלבסט פון צרות.

*   *   *

עס איז ראַטהזאַם דו זאָלסט האַלטען איין זאַך און, צו גלייכער צייט, די צווייטע ניט אָפּלאָזען פון האַנד.

*   *   *

בלאָז ניט אויף די קאָהלען פון זינדער, דו קענסט נאָך פער־ברענט ווערען אין פייער פון זיינע זינד.

סור מרע ורע לא תקרב אליך (בן סירא ז, א).

* * *

אל תארב אל כל פנה ואל תשוטט בחוצות גלמודות (בן סירא ט, ז).

* * *

את איש תעלולים בל תתגר כי יסלף דברי פיך (בן סירא ח, יד).

* * *

עם כל אדם התרועע ובאחד מאלף בל תבטח (בן סירא ו, ו).

* * *

לך מנגד לאיש משנאך וגם מפני אהביך השמר (בן סירא ו, יג).

* * *

אל תשען על רעך אם לא בחנתו בעת צרה (בן סירא ו, ז).

* * *

לבך לאחר אל תגל פן רעה יגמלך (בן סירא ח, כד).

* * *

כסף וזהב בצרר תצרר מדוע את פיך לא תצור (בן סירא כח, ל).

* * *

בכל מעשיך זכר אחריתו ולעד לא תחטא (בן סירא ז, לז).

קעהר זיך אָפּ פון שלעכטס, וועט עס זיך צו דיר ניט דער־נעהנטערען.

* * *

קוק זיך ניט אַרום אויף יעדער ווינקעל, און וואַנדער ניט אַרום אין איינזאַמע גאַסען.

* * *

מיט אַ מוטהווילליגען מענשען זאָלסטו זיך ניט קריעגען, דען ער וועט נאָכהער איבערדהרעהען דיינע רייד.

* * *

ווער בעפריינדעט מיט יעדען מענשען, און טרוי זיך ניט אָן אויף איינעם פון טויזענד.

* * *

ערווייטער זיך פון דיין פיינד, און היט זיך אויך פון דיינע פריינד.

* * *

שטיץ זיך ניט אויף אַ פריינד, אויב דו האָסט איהם ניט אויספּרובירט אין אַן אונגליקס־צייט.

* * *

ענטדעק ניט דיין האַרץ פאַר אַ פרעמדען, ער קען דיר נאָך מיט שלעכטעם בעצאָהלען.

* * *

זילבער און גאָלד האָלסטו פאַרזיכטיג פערבונדען, פאַר־וואָס היטסטו ניט דיין מויל ?

* * *

האָב אין זינען דעם סוף אין אַלע דיינע טהאַטען, וועסטו קיינמאָל ניט זינדיגען.

עצה ומעשה

מים עמקים עצה בלב איש ואיש תבונה ידלנה (משלי כ, ה).

* * *

דרך אויל ישר בעיניו ושמע לעצה חכם (משלי יב, טו).

* * *

בטרם תפעל הועץ ולא תנחם לאחריתו (בן סירא לב, כא).

* * *

התתיעץ את כילי עלי תגמול את אכזר על חמלה ואת עצל על עבודה (בן סירא לז, יג).

* * *

את לבבך הועץ כי אין נאמן ממנו וטובה עצתו שבעתים מעצת צופים על ראש הפסגה (בן סירא לז, יז).

עצלות ויגיעה

אל תאהב שנה פן תורש פקח עיניך שבע לחם (משלי כ, יג).

* * *

כחמץ לשנים וכעשן לעינים כן העצל לשׁלחיו (משלי י,כו).

* * *

לך אל נמלה עצל ראה דרכיה וחכם. תכין בקיץ לחמה אגרה בקציר מאכלה (משלי ו, ו—ח).

בּעראַטהונג און האַנדלונג

אַ גוטע עצה איז פּאַר אַ מענשען, ווי טיעפע קוואַל־וואַסער; דער פערשטענדיגער שעפּט עס אויס.

*   *   *

אַ נאַר בעטראַכט זיין אייגענע וועג אימער אַלס ריכטיג, אַ קלוגער הערט אויס אַן עצה.

*   *   *

איידער דו געהסט עטוואָס טהאָן, בעראַטה זיך פריהער, וועסטו ניט בעדויערען נאָכהער.

*   *   *

ווערסטו פרעגען אַן עצה ביי אַ קאַרגען וועגען בעלאָה־נונג, ביי אַ גרויזאַמען וועגען מיטלייד און ביי אַ פוילען וועגען אַרבייט?

*   *   *

בעראַטה זיך מיט דיין האַרצען, קיין טרייערער פריינד פון איהם איז ניטאָ, זיין עצה איז פיעל בעסער פון דער וואָס עס וועלען דיר געבען בעאָבאַכטער פון שפּיץ באַרג.

פוילקייט און מיהזאַמקייט

ליעב ניט פיעל צו שלאָפען, דו קענסט נאָך דערפון בלינד ווערען; עפען ברייט דיינע אויגען, ווערסטו אימער זאַט זיין.

*   *   *

ווי עסיג צו די ציינער און ווי רויך צו די אויגען, אַזוי איז דער פוילער צו דעם, וואָס שאַפט זיך מיט איהם.

*   *   *

געה, פוילער, צו דער מוראַשקע (אַמייזע)! זעה איהר אויפפיהרונג און לערען זיך אָפּ: זי גרייט אום זומער צו איהר שפּייז, און זאַמעלט עסענוואַרג אין שניט־צייט.

בעצלתים ימך המקרה ובשפלות ידים ידלף הבית (קהלת י, יח).

* * *

שמר רוח לא יזרע וראה בעבים לא יקצור (קהלת יא, ד).

* * *

הן עוף מצער הדבורה ופריה מלא מתק (בן סירא יא, ג).

חסכון ופזרנות

איש מחסור אהב שמחה אהב יין ושמן לא יעשיר (משלי כא, יז).

* * *

יש מפזר ונוסף עוד וחשך מישר אך למחסור (משלי יא, כד).

* * *

הון מהבל ימעט וקבץ על יד ירבה (משלי יג, יא).

* * *

אל תהי ידך פתוחה לקבץ וקפוצה מפזר (בן סירא ד, לג).

* * *

פעל סבא לא יעשר ובז למצער הלך ורש (בן סירא יט, א).

* * *

יש מפזר ותגמול אין ויש מפזר ותגמול כפלים (בן סירא כ, ט).

איבער פוילקייט ווערט דער באַלקען אֵיינגעפאַלען, און דורך לעדיג־געהן רעגענט אַריין אין הויז.

* * *

ווער עס פאַסט אויף אויפ'ן ווינד, דער זעעט ניט; ווער עס קוקט אויף די וואָלקענס, שניידט ניט.

* * *

די ביהן איז אַ קליינע פליעגעלע, און איהר פּראָדוקט איז פול מיט זיסקייט.

שפּאָרזאמקייט און אויסברענגעריי

ווער עס ליעבט צו לעבען אַ גוטען טאָג, מוז ליידען מאַנגעל, ווער עס ליעבט פיעל וויין און פעטס, קען ניט רייך ווערען.

* * *

מאַנכער ברענגט פיעל אוים, און זאַמעלט איין נאָך מעהר; און מאַנכער איז אַיינגעהאַלטען, און איהם פעהלט אימער.

* * *

פון לופט ערוואָרבענעם פערמעגען ווערט אַלע מאָל וועניגער, ווער עס קלייבט ביסלעכווייז, וואַקסט עס ביי איהם אַלץ מעהר.

* * *

זאָל דיין האַנד ניט זיין צו אָפען ווען דו זאַמעלסט, און פערמאַכט — ביים צוטהיילען.

* * *

אַן אַרבייטער, וואָס גיט זיך אָב מיט שכרות, וועט קיינמאָל ניט רייך ווערען; ווער עס מאַכט אַוועק מיט דער האַנד קלייניגקייטען, ווערט אַלץ אָרימער און אָרימער.

* * *

מאַנכער גיט אַוועק זיין געלד און בעקומט דערפאַר גאָרניט, און מאַנכער איז פרייגיביג און קריגט צוריק דאָפּעלט.

קנין עצמו וקנין זרים

מים גנובים ימתקו ולחם סתרים ינעם (משלי ט, יז).

* * *

כי העשק יהולל חכם ויאבד את לב מתנה (קהלת ז, ז).

* * *

בונה ביתו בהון אחרים כונס אבנים להקים קברו (בן סירא כא, ט).

* * *

חיי איש שוקד על שלחן אחרים אינם חיים (בן סירא מ, כט).

* * *

אכל פת זרים נפשו ישפיל ורחב לב יקוץ בלחם הקלוקל (בן סירא מ, ל).

* * *

טוב ארוחת מסכן בצל קורתו ממטעמים בבית נכר (בן סירא כט, כה).

אהבת בצע

לעלוקה שתי בנות הב הב שלוש הנה לא תשבענה ארבע לא אמרו הון (משלי ל, טו).

* * *

שאול ואבדון לא תשבענה ועיני האדם לא תשבענה (משלי כז, כ).

אייגענם און פרעמדס

געגנב'עט וואַסער איז זיס, און ברויט אין געהיים איז אנגענעהם.

* * *

רויבערייַ טרייבט דעם קלוגען פון זינען, געשענקע מאַכען קאַליע דאָס הארץ.

* * *

ווער עס בויט זיין הויז מיט פרעמדעס רייכטהום, זאמעלט שטיינער פאַר זיין אייגענעם קבר.

* * *

ווער עס איז געצוואונגען צו זיצען ביי פרעמדע טישען, איז זיין לעבען קיין לעבען ניט.

* * *

ווער עס עסט שפּייז פון פרעמדע, ערנידעריגט זיך ; דעם ברייטהערציגען עקעלט אָפּ פון ניט־בכבוד'ען ברויט.

* * *

בעסער אַן אָרימע סעודה אונטער אַן אייגענעם דאַך, איידער די בעסטע געריכטען אין הויז פון א צווייטען.

געלדגייציגקייט

די בלוטזויגערין האָט צוויי טעכטער „גיעב" און „גיעב", דריי וואָס ווערען ניעמאַלס זאַט, און פיער וואָס זאָגען קיינמאָל ניט „גענוג".

* * *

ווי דער אָבגרונד און די אונטערוועלט ווערען קיינמאָל ניט געזעטיגט, אזוי ווערען ניט זאַט דעם מענשען'ס אויגען.

עוכר ביתו בוצע בצע ושונא מתנות יחיה (משלי טו, כז).

* * *

אהב כסף לא ישבע כסף (קהלת ד, ט).

* * *

בוצע בצע לא תשבע עינו ורשעתו תשלח רזון בנפשו (בן סירא יד, ט).

* * *

מרבה הונו לחסר נפשו יאסף לזרים מאבדי חילו (בן סירא יד, ד).

* * *

אין מאם מאהב בצע כי גם את נפשו ימכר (בן סירא י, יא).

* * *

אהבת בצע כאבן נגף וכל רודפיה בה יכשלו (בן סירא לא, ז).

* * *

אוהב כסף לא ינקה ורודף הבל יחבל (בן סירא לא, ה).

* * *

מי זה נסה בזהב וישלם כי לו יאתה תהלה (בן סירא לא, י).

עשירות ועניות

חכם בעיניו איש עשיר ודל מבין יחקרנו (משלי כח, יא).

ווער עס איז געלדגייציג, צושטערט פאַמיליען־לעבען; דער וואָס האָט פיינד מתנות, וועט לאַנג לעבען.

* * *

ווער עס האָט ליעב געלד, ווערט קיינמאָל מיט דעם ניט זאַט.

* * *

ווער עס יאָגט זיך נאָך רייכטהום, ווערט זיין אויג קיינמאָל ניט בעפרידיגט, זיין גייציגקייט צעהרט אוים זיין קערפּער.

* * *

ווער עס קלייבט אָן רייכטהימער אויפ'ן רעכנונג פון זיין געזונד, זאַמעלט פאַר פרעמדע עס צו פערצעהרען.

* * *

קיינער איז אַזוי העסליך ווי דער וואָס איז געלדגייציג, ער וועט פאַר געלד אויך זיין נשמה פערקויפען.

* * *

ליעבע צו גרויסע פערמעגענס איז ווי אַ שטיין אָן וועלכען מען מוז זיך אָנשטויסען, אַלע וואָס יאָגען זיך נאָך דעם, מוזען געשטרויכעלט ווערען.

* * *

ווער עס ליעבט געלד, קען ניט ריין בלייבען, און ווער עס יאָגט זיך נאָך פּוסטע זאַכען, מוז ליידען דאַדורך.

* * *

ווער עס איז פּרובירט געוואָרען מיט גאָלד און איז פערבליבען עהרליך, קומט איהם די גרעסטע לויב.

רייכטהום און אָרימקייט

דער רייכער האַלט זיך פאַר אַ גרויסען חכם, דער פערשטענדיגער אָרימאַן בעגרייפט איהם גרינדליך.

הון יוסיף רעים רבים ודל מרעהו יפרד (משלי יט, ד).

* * *

גם לרעהו ישנא רש ואוהבי עשיר רבים (משלי יד, כ).

* * *

כל אחי רש שנאהו אף כי מרעהו רחקו ממנו (משלי יט, ז).

* * *

במוט העשיר רעו יקימנהו ובנפל העני רעו יכפישנהו (בן סירא יג, כג)

* * *

עשיר כשל רבים מושיעיו חטא בשפתיו עוד יכחשו לו. רש כשל רבים מריביו נכבדות ידבר ומקשיב אין (בן סירא יג כד־כה).

* * *

עשיר ידבר כל פה יחשה ועד מרום ישאו שיחו. עני ידבר יאמרו מי זה וחטא במבטא ילבט (בן סירא יג, כו—כז).

* * *

כשלום שחל עם כלב כן שלום עשיר עם רש (בן סירא יג, כ).

* * *

כטרף אריה פראי מדבר כן הדל מרעה לעשיר (בן סירא יג, כא).

פערמעגען פערמעהרט די צאָהל פון פריינד, אָרימקייט צושיידעט זיי.

* * *

אַן אָרימאַן איז אויך פון זיינע פריינד געהאַסט, דעם רייכען ליעבען פיעלע.

* * *

זאָגאַר די אייגענע ברידער זיינע האַבען פיינד דעם אָרימאַן, עס דערווייטערען זיך פון איהם זיינע בעסטע פריינד.

* * *

ווען דער רייכער גליטשט זיך אויס, ווערט איהם זיין פריינד העלפען אויפשטעהן; ווען עס פאַלט דער אָרימאַן, ווערט נאָך זיין פריינד טרעטען אויף איהם.

* * *

ווערט דער רייכער געשטרויכעלט, העלפען איהם פיעלע, זינדיגט ער מיט זיינע רייד, ווערט מען עס נאָך רעכטפערטיגען. ווערט אָבער אַן אָרימאַן געשטרויכעלט, האָט ער דאָגעגען פיעל אַנקלעגער; מעג ער רעדען ווי פערנינפטיג, ווערט איהם קיינער ניט אויסהערען.

* * *

ווען דער רייכער רעדט, ווערען אַלע ענטשווייגען און זיין רעדע ווערט ביז'ן הימעל געלויבט. רעדט דער אָרימאַן, פרעגט מען: „ווער איז ער אַזעלכער?" האָט ער אַ פעהלער געמאַכט מיט זיינע רייד, דאַן פאַלט ער אין אַ צרה אַריין.

* * *

ווי צווישען אַ לייב און אַ הונד, אַזוי קען זיין פריעדען צווישען דעם רייכען און געדריקטען.

* * *

ווי ווילדע עזלען ווערען צוריסען פון לייב, אַזוי איז דער אָרימאַן אַ שפּייז פאַר דעם רייכען.

כנשא מואס בשפל כן העשיר בדל (בן סירא יג, כב).

עבודה ומסחר

הזרעים בדמעה ברנה יקצרו (תהלים, קכו, ה).

* * *

יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך (תהלים קכח, ב).

* * *

אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך (תהלים קכח, ג).

* * *

מתוקה שנת העובד אם מעט ואם הרבה יאכל והשבע לעשיר איננו מניח לו לישון (קהלת ה, יא).

* * *

אל תקוץ בעמל ידך כי עבדת השדה מתת אלהים היא (בן סירא ז, טו).

* * *

רבים יגעים ועמלים וכל עמלם אך למחסור (בן סירא יא, יב).

* * *

חורש בבקר איך יתקר ונוהג במלמד איך ילמד. בעמל ופרך יבלה שנותיו ותמיד שיחתו את פרים. הגיוני לבבו לשדד אדמתו ולבלול לבקריו בקר וערב. (בן סירא לח, כד—כו).

ווי דער הויך געשטעלטער פעראַכטעט דעם נידעריגען, אזוי — דער רייכער דעם געדריקטען.

אַרבייט און האַנדעל

די וואָס זעען מיט טרעהרען, וועלען שניידען מיט געזאַנג.

* * *

ווען דו עסט פון דיין אייגענע האָרעוואַניע, איז אזוי גוט און וואויל צו דיר:

* * *

דיין ווייב וועט זיין ווי אַ פרוכטבאַרער ווייגאָרטען אַרום דיין הויז, דיינע קינדער — ווי אוילבערט־פלאַנצונגען אַרום דיין טיש.

* * *

זיס איז דעם אַרבייטער'ס שלאָף, אויב ער עסט פיעל אָדער ווייניג; איבערזעטיגונג לאָזט דעם רייכען רוהיג ניט שלאָפען.

* * *

פערהאַס ניט דיין אייגענע האָרעוואַניע, דען פעלד־ארבייט איז אַ געטליכע גאַבע.

* * *

פיעלע אַרבייטען און מאַטערען זיך, און פון זייער גאַנצער האָרעוואַניע האָבען זיי בלויז מאַנגעל.

* * *

ווי קען זיך אָבגעבען מיט פאָרשונגען דער וואָס אַרבייט? ווי קען שטודירען דער וואָס פיהרט מיט'ן אָקסען־שטעקען? ווער עס פערברענגט זיינע יאָהרען אין מאַטערניש און שווערע אַרבייט, און זיין געשפרעך דרעהט זיך תמיד אַרום קיה, זיינע געדאַנקען זיינען פערנומען טאָג און נאַכט ווי צו פערפערטיגען זיין ערד, און עסען צו געבען זיינע פיה.

סוחר לא ינקה מרמיה כרוכל מעול (בן סירא כו, כב).

* * *

כיתד תקוע בין אבני קיר כן העול בין מקנה וממכר (בן סירא כז, ב).

הבליות

כל עמל האדם לפיהו וגם הנפש לא תמלא (קהלת ו, ז).

* * *

אדם כי כלה לחקר כמעט החל וכי יחדל באפלה ימשש (בן סירא יח, ה).

* * *

מה בצע לחקר נסתרות ולרדוף זרות אם אשר הראת נלאת הבין (בן סירא ג, כב).

* * *

המעט דמעה על מת יען כי מצא מנוח (בן סירא כב, יא).

* * *

את המות אל תירא כי חק אלהים הוא על כל בשר גם לקדמונים וגם לאחרונים (בן סירא מא, ד).

פתגמים שונים

יצר לב האדם רע מנעריו (בראשית ח, כא).

אַ סוחר קען קיינמאָל ניט רײַן זײַן פון בעטרוג, און אַ פעדלער — פון אונרעכט.

* * *

ווי עס איז נויטהיג אַ נאָגעל פעסטצוהאַלטען אַ וואַנד, אַזוי מוז זײַן שווינדעל ביים קויפען און פערקויפען.

נוצלאָזיגקייט

דעם מענשען'ס גאַנצע האָרעוואַניע איז פאַר זײַן מויל, און די זעעלע ווערט קיינמאָל ניט זאַט.

* * *

ווען דער מענש האָט זײַן פאָרשונג געענדיגט, איז ער בלויז אין אָנפאַנג; און ווען ער הערט אויף, טאַפּט ער אין דער פינסטער.

* * *

וואָס פאַר אַ נוטצען האָסטו פון פאָרשען געהיימניסע און יאַגען זיך נאָך אונבעקאַנטעס, ווען דו קענסט ניט פערשטעהן דאָס, וואָס דו זעהסט אַרום זיך.

* * *

פערגיס ווענינער טרעהרען אויף אַ געשטאָרבענעם, ער האָט שוין זײַן רוהע געפונען.

* * *

פאַר'ן טויט האָב ניט קיין מורא, דען דאָס איז אַ געטליכער געזעץ פאַר אַלעם וואָס לעבט — פאַר די ערשטע ווי פאַר די לעצטע.

פערשיעדענעס

די נייגונגען פון דער מענשליכער זעעלע זיינען צום שלעכ־טען פון זײַן פריהעסטער וגענד אָן.

אין המלך נושע ברב חיל גבור לא ינצל ברב כח (תהלים לג, טז).

* * *

השמים שמים לי״י והארץ נתן לבני אדם (תהלים קטו, טז).

* * *

מצרף לכסף וכור לזהב ואיש לפי מהללו (משלי כז, כא).

* * *

טוב רש הולך בתמו מעקש דרכים והוא עשיר (משלי כח, ו).

* * *

טוב מעט בצדקה מרב תבואות בלא משפט (משלי טז, ח).

* * *

יש מתעשר ואין כל מתרושש והון רב (משלי יג, ז).

* * *

לא יבוזו לגנב כי יגנוב למלא נפשו כי ירעב (משלי ו, ל).

* * *

נפש שבעה תבוס נפת ונפש רעבה כל מר מתוק (משלי כז, ז).

* * *

לא רבים יחכמו וזקנים יבינו משפט (איוב לב, ט).

* * *

והכסף יענה את הכל (קהלת י, יט).

דער קעניג ווערט ניט געהאַלפען דורך פיעל מיליטער, און דער העלד ווערט ניט גערעטעט דורך פיעל קראַפט.

* * *

די הימלען זיינען פיר דעם עוויגען, און די ערד איז איבער־געגעבען געוואָרען צו מענשען־קינדער.

* * *

זילבער ווערט געלייטערט דורך דעם טיגעל, גאָלד — דורך דעם שמעלץ־אויווען, און דער מענש — דורך זיינע מהאַטען.

* * *

בעסער צו זיין אָרים און אויפריכטיג, איידער רייך און פערדאָרבען.

* * *

בעסער בעזיטצען ווייניג, ערוואָרבען דורך גערעכטיגקייט, איידער פיעל הכנסה — דורך אונרעכט.

* * *

מאַנכער איז רייך ווען ער האָט זאָגאַר גאָרניט, און מאַנ־כער איז אָרים, ווען ער בעזיצט אפילו פיעל פערמעגען.

* * *

מען דאַרף ניט פעראַכטען אַ גנב, ווען ער גנב'עט זיין הונגער צו שטילען.

* * *

אַ זאַטען עקעלט אָפּ זאָגאַר פון פיינסטען האָניג, פאַר אַ הונגעריגען איז יעדע ביטערקייט זיס.

* * *

גרויסע מענשען זיינען ניט אימער קלוג, אַלטע לייט בע־גרייפען ניט שטענדיג וואָס רעכט איז.

* * *

געלד פערענטפערט אַלעס.

טוב מראה עינים מהלך נפש (קהלת ו, ט).

* * *

לכלב חי הוא טוב מן האריה המת (קהלת ט, ד).

* * *

אל תהי צדיק הרבה ואל תתחכם יותר למה תשומם (קהלת ז, טז).

* * *

אין שנה לעשר רזון לנפש ותנומה אין בעפעפי דואג (בן סירא לא, א).

* * *

אל תתרע את נגי וע׳׳ ׳רי תמעם על לא תכיל על שכמך (בן סירא יג, ב).

* * *

כל מין ידבק במינו ובן אדם ברעהו (בן סירא יג, יז).

* * *

אל יקל בעיניך כל דבר אם גדול ואם קטן (בן סירא ה, יח).

* * *

בוז לדל צדיק וכבוד לעשיר רשע תועבת הם גם שניהם (בן סירא י, כט).

* * *

משפט אדם תאר פניו ונבון בתארו יודע. גם בלבושיו בשחקו ובמהלכו ינכר גבר (בן סירא יט, כז—כח).

* * *

מיץ עינים מוציא דמעה ומיץ לב מוציא הגיונות (בן סירא כב, כא).

בעסער דאָס וואָס די אויגען זעהען, איידער די פאָרשטעלונג פון דער זעעלע.

* * *

אַ לעבעדיגען הונד איז בעסער ווי אַ טויטען לייב.

* * *

זיי ניט צופיעל גערעכט און צו קלוג, צו וואָס זאָלסטו ווערען פערצווייפעלט ?

* * *

דעם רייכען נעהמט קיין שלאָף, ער האָט קיין זעעלען־רוהע ; דעם פערזאָרגטען נעהמט קיין דרעמעל.

* * *

פריינדעל זיך ניט מיט איינעם וואָס איז רייכער און מעכ־טיגער פון דיר : עס וועט דיר מיאוס ווערען צו טראָגען אויף זיך אַ צו שווערע לאַסט.

* * *

יעדע בעשעפנים האַלט זיך נאָהנט צו איהר מין, דאָס מענ־שענקינד דאַרף אויך זוכען פריינד פון זיין גלייכען.

* * *

זאָלסט ניט גרינגשעטצען קיין איינציגע זאַך, גרויס אָדער קליין.

* * *

פערשעהמען אַן עהרליכען אָרימאַן און אָבגעבען עהרע אַ פערדאָרבענעם גביר,ביידע זאַכען זיינען גלייך אבשייליך.

* * *

אַ מענש קען מען אורטהיילען נאָך זיין געזיכט, אַ פער־שטענדיגען קען מען זעהן נאָך זיין געשטאַלט. אויך נאָך די קליידער, געלעכטער און גאַנג קען מען אַ מענש דערקענען.

* * *

דער זאַפט פון די אויגען איז טרעהרען, און דער זאַפט פון האַרצען — געדאַנקען.

חכמה נסתרה ואוצר טמון לא יועילו גם שניהם (בן סירא כ, ל).

* * *

זורק אבן שמימה על ראש בעליו תשוב ומכה רע בסתר ישחית נפשו (בן סירא כז, כה).

* * *

כמושל כן שוטריו וכראשי עיר כן ישביה (בן סירא י, ד).

* * *

חן ויופי נחמדים לעין ונאות דשא נבחר משניהם (בן סירא מ, כא).

פערבאָרגענע חכמה און אַ בעהאַלטענער אוצר — ביידע זיינען נוצלאָז.

* * *

ווער עס וואַרפט אַ שטיין אין הימעל, וועט עס אויף איהם זעלבסט צוריקפאַלען, און ווער עס טהוט שלעכטס אַ פריינד אין געהיים, פערדאַרבט זיך אַליין.

* * *

וואָס פאַר אַ הערשער אַזעלכע בעאַמטע, ווי די שטאָדט פיהרער, אַזוי זיינען די איינוואָהנער.

* * *

גראַציע און שעהנהייט זיינען אַנגענעהם פאַר'ן אויג, שעהנער פון ביידע איז אַ פראַכטפאָלע לאָנקע.

געבענשט אין אַלע זיינע וועגן. פּרוביר בלויז בעריהרען זיין פערמעגען וועסטו זעהן, אז ער וועט דיך נאָך פלוכען.

— אַלזאָ גוט ! — האָט גאָט געזאָגט — איך גיב איבער אַלעס וואָס ער בעזיצט אין דיינע הענד, איהם אַליין זאָלסטו זיך אָבער ניט דערוועגען אָנצוריהרען.

אין אַ געוויסען טאָג נאָכדעם, ווען איוב איז רוהיג געזעסען ביי זיך אין הויז און אַלע זיינע קינדער זיינען געווען פערזאַמעלט אויף אַ שמחה אין הויז פון זייער עלטעסטען ברודער, איז פּלוצלונג געקומען צו לויפען צו איוב'ן אַ שליח און אָנגעזאָגט די טרויעריגע נאַכריכט, דאָס זיינע רינדער זיינען געפאַנגען געוואָרען פון רויבער און אַלע דיענער זיינען ערמאָרדעט געוואָרען. ווען דיעזער האָט נאָך ניט געענדיגט צו דערצעהלען די פּאַסירונג, זיינען ערשיענען איינע נאָך די אַנדערע פערשיעדענע שלוחים און האָבען בעריכטעט, דאָס זיינע שאָף זיינען פערניכטעט געוואָרען פון אַ פייער, די קעמ־לען זיינען צורויבט געוואָרען פון זיינע שונאים און ענדליך דאָס טרויעריגסטע, אז אַ שטורם־ווינד האָט צושמעטערט דאָס הויז, וואו זיינע קינדער זיינען געווען פערזאַמעלט, און זיי זיינען אַלע אומגע־קומען צווישען די חורבות.

דערהערענדיג דיעזע אַלע שרעקליכע בשורות, האָט איוב צוריסען אויף זיך די קליידער, געפאַלען צו דער ערד און אויסגערופען : „נאַ־קעט בין איך פון מיין מוטער'ס בויך אַרויס און נאַקעט וועל איך פון דער וועלט אַוועק". ער האָט אָבער גאָט ניט בעשולדיגט און איהם דערפאַר ניט געלעסטערט.

נאָך דיעזער פּאַסירונג זיינען אין אַ געוויסען טאָג די „בני אלהים" זיך ווידער צוזאַמענגעקומען פאַר גאָט, און גאָט האָט זיך דאַן געווענדעט צום שטן :

— יעצט האָסטו זיך שוין איבערצייגט ווי פאָלקאָמען איוב איז? אומזיסט האָסטו מיך בלויז צוגערעדט איהם שלעכטס צו טהאָן.

— פּרוביר נאָר אָנריהרען זיין הויט און ביינער — האָט דער שטן געענטפערט — וועסטו שוין זעהן, אויב ער וועט דיך ניט פלו־כען. אַלץ וועט אַ מענש אוועקגעבען פאַר זיין לייב.

— איך גיעב איהם איבער אין דיינע הענד — האָט גאָט איינ־געשטימט — זעה אָבער זיין לעבען אָבצוהיטען.

פילאָזאָפישע דיאַלאָגען און מאָנאָלאָגען

איוב

(אויסציגע פון איוב׳ס ויכוחים מיט זיינע פריינד און מיט גאָט).

פראָלאָג

אין דעם לאַנד עוץ איז אַמאָל געווען אַ מאַן מיט׳ן נאָמען איוב, וועלכער האָט בעזעסען גרויסע סטאַדעס פון שאָף, רינדער, קעמלען און עזלען ווי אויך פיעל קנעכט, און איז בעטראַכט געוואָרען אַלס דער רייכסטער אין גאַנצען אָריענט. די קינדער זיינע פלעגען אָפט מאַכען גרויסאַרטיגע סעודות און זיך לאָזען וואויל געהן. איוב זעלבסט אָבער, איז געווען צוריקגעהאַלטען, פרום און פאָלקאָמען אין אַלע זיינע וועגען, מורא געהאַט פאַר גאָט און אויסגעמידען פון שלעכטס.

אין אַ געוויסען טאָג זיינען געקומען די בני אלהים (דעם אויבערשטענס קינדער), צווישען וועלכע עס איז אויך געווען דער שטן, פאָרצושטעלען זיך פאַר זייער בעשעפער. דערזעהענדיג דעם שטן, האָט גאָט איהם אַ פרעג געטהאָן פון וואַנען ער קומט יעצט.

— איך האָב זיך אַרומגעדרעהט הין און צוריק אויף דער ערד — האָט דער שטן געענטפערט.

— האָסטו דאָרט בעמערקט מיין קנעכט איוב׳ן ? — האָט איהם גאָט ווידער געפרעגט — ווי ריין, אויפריכטיג, און גאָטספאָרכטיג ער איז. ער האָט דאָך צו זיך איינפאָך קיין גלייכען.

— איז ער עס דען אַזוי אומזיסט ? — האָט דער שטן ערווידערט — דו האָסט דאָך איהם בעזאָרגט מיט אַלל דאָס גוטס און

ווען זיינע פריינד אליפז פון תימן, בלדד פון שוח און צופר פון נעמת האָבען דערהערט דעם גרויסען אונגליק וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט, זיינען זיי געקומען איהם מבקר חולה זיין און טרייס־טען. דערזעהענדיג אין וואָס פאַר אַ טרויעריגע לאַגע זייער פריינד איוב געפינט זיך, האָבען זיי אָנגעפאַנגען שטאַרק צו וויינען און רייסען אויף זיך די קליידער פון גרויס מיטגעפיהל. זיבען מעת לעת זיינען זיי געבען איהם אויף דער ערד געזעסען און קיינער האָט צו איהם די גאַנצע צייט אַ וואָרט ניט אויסגערעדט. זעהענדיג ווי שרעקליך ער ליידעט, האָבען זיי געפיהלט דאָס טרייסט־ווערטער זיינען ניט אַם פּלאַטץ.

ענדליך האָט איוב ניט אויסגעהאַלטען און אָנגעפאַנגען אין אַ ביטערען אויסברוך פון וואוטה:

איוב

יאבד יום אולד בו והלילה אמר הרה גבר (ג, ג).

הלילה הזה יקחהו אפל אל יחד בימי שנה במספר ירחים אל יבוא (ג, ו).

יחשכו כוכבי נשפו יקו לאור ואין ואל יראה בעפעפי שחר (ג, ט).

למה לא מרחם אמות מבטן יצאתי ואגוע (ג, יא).

או כנפל טמון לא אהיה כעללים לא ראו אור (ג, טז).

שם רשעים חדלו רגז ושם ינוחו יגיעי כח (ג, יז).

דער שטן איז דאַן אוועק און אַנגעשיקט אויף איוב׳ן אַ שרעק־ליכען אויסזאַץ, וועלכער האָט בעדעקט זיין גאַנצען קערפּער פון קאָפּ ביז די פיס. אין די גרעסטע יסורים האָט זיך דאַן איוב געוואַל־גערט אויף דער ערד און געליטען. ער האָט אָבער געגען גאָט אַלץ ניט פּראָטעסטירט.

— נאָך האַלטסטו זיך ביי דיין פרומקייט ? — האָט זיין פרוי אויסגעשריען צו איהם אין ענטריסטונג — פערפלוך גאָט און שטאַרב!

— דו רעדסט ווי אַ נידערטרעכטיגע פרוי — האָט איוב איהר בייז געענטפערט — זאָלען מיר דאָס גוטע יא גענעהמען, און דאָס שלעכטע ניט ?

און אַזוי איז איוב פעסט געבליבען ביי זיין אונשולד און ניט געזינדיגט, טראָטץ די אונמענשליכע יסורים וואָס ער האָט געליטען.

איוב

פערלאָרען האָט געזאָלט געהן דער טאָג אין וועלכען איך בין אויף דער וועלט ערשיענען, און די נאַכט, וואָס האָט אָנגע־זאָגט די געבורט פון אַ מענשען.

יענע נאַכט האָט געדאַרפט אַוועק אין דער דונקעלהייט, ניט רעכענען זיך אין צייט פון יאָהר און ניט אַריינקומען אין דער צאָהל פון מאָנאַטען.

פינסטער האָבען געזאָלט זיין די אבענד־שטערען, אומ־זיסט האָבען זיי געדאַרפט האָפען אויף ליכט, און קיינמאָל ניט זעהן דעם מאָרגענשטערען.

פאַרוואָס בין איך ניט פערניכטעט געוואָרען אין געבער־מוטער ? וואָרום בין איך ניט אויסגעגאַנגען, איידער איך בין פון מיין מוטער׳ס בויך אַרויס ?

בעסער וואָלט איך ווי אַ מפּיל־קינד געווען, ווי די וואָס האָ־בען נאָך קיין ליכטיגע שיין געזעהן,

דאַן וואָלט איך רוהיג געלעגען דאָרטען, וואו פערברעכער זיינען ניט מעהר בייז ; וואו עס רוהען אַלע אויסגעמאַטערטע פון לעבען.

יחד אסירים שאננו לא שמעו קול נגש (ג, יח).

קטן וגדל שם הוא ועבד חפשי מאדניו (ג, יט).

למה יתן לעמל אור וחיים למרי נפש (ג, כ).

לגבר אשר דרכו נסתרה (ג, כג).

אליפז

הנסה דבר אליך תלאה ועצר במלין מי יוכל (ד, ב).

הנה יסרת רבים וידים רפות תחזק (ד, ג).

כושל יקימון מליך וברכים כרעות תאמץ (ד, ד).

כי עתה תבוא אליך ותלא תגע עדיך ותבהל (ד, ה).

ואלי דבר יגנב ותקח אזני שמץ מנהו (ד, יב).

בשעפים מחזיונות לילה בנפל תרדמה על אנשים (ד, יג).

פחד קראני ורעדה ורב עצמותי הפחיד (ד, יד).

ורוח על פני יחלף תסמר שערת בשרי (ד, טו).

יעמד ולא אכיר מראהו תמונה לנגד עיני דממה וקול אשמע (ד, טז).

האנוש מאלוה יצדק אם מעשהו יטהר גבר (ד, יז).

כי לא יצא מעפר און ומאדמה לא יצמח עמל (ה, ו).

דאָרט וואו אַלע ליעגען צוזאַמען ווי געבונדענע, און הע־
רען ניט די שטימען פון זייערע בעדריקער;
דאָרט וואו קליין און גרויס זיינען גלייך, וואו דער שקלאַף
איז פריי פון זיין הערר.
צו וואָס גיט ער ליכט צום ליידענדען און לעבען צו די
פערביטערטע הערצער?
צו דעם שטערבליכען, וואָס זיין וועג איז פון איהם פער־
באָרגען... "

אליפז

„איך וויים דאָס אַ פערזוך צו דיר צו רעדען וועט דיך מיעד
מאַכען. ווער קען זיך אָבער איינהאַלטען ניט צו ערווידערען.
דו זעלבסט האָסט פיעלע געשטראָפט און געשטאַרקט אָב־
געשוואַכטע הענד.
דיינע רייד האָבען אויפגעשטעלט געשטרויכעלטע, און גע־
קרעפטיגט געבויגענע קניה.
יעצט ווען עס קומט צו דיר אַליין, ווערסטו אפהענדיג; ווען
עס בעריהרט דיך, ווערסטו צומישט.
צו מיר גנב'עט זיך אַריין אַ געדאַנק, עטוואָס פון איהם
האָט מיין אויער פערנומען.
אין די פאָרשטעלונגען פון די נאַכט־פאַנטאַזיען, ווען מענ־
שען זיינען אין שלאָף פערזונקען,
האָט מיך אַ שרעק אויפגעשוידערט, אַ ציטערנים איז אַרי־
בער איבער אַלע מיינע גליעדער.
אַ גייסט האָט פאַר מיר פערבייגעשוועבט, די האָר פון
מיין קאָפּ האָבען זיך קאַפּויר געשטעלט.
ער איז שטעהן געבליבען. זיין אויסזעהן האָב איך ניט
דערקענט, בלויז אַ געשטאַלט האָט זיך אָבגעשפּיגעלט פאַר מיי־
נע אויגען, און איך האָב דערהערט אַ שטימע:
איז דען דער מענש מעהר גערעכט ווי גאָט? קען דען
דער שטערבליכער ריינער זיין פון זיין בעשעפער?
פון שטויב קומט קיין געמיינהייט ניט אַרויס, אונרעכט
שפּראָצט ניט פון דער ערד.

כי אדם לעמל יולד ובני רשף יגביהו עוף (ה, ז).

הנה זאת חקרנוה כן היא שמענה ואתה דע לך (ה, כז).

איוב

לו שקל ישקל כעשי והותי במאזנים ישאו יחד (ו, ב).

כי עתה מחול ימים יכבד על כן דברי לעו (ו, ג).

מי יתן תבוא שאלתי ותקותי יתן אלוה. ויאל אלוה וידכאני יתר ידו ויבצעני (ו, ח—ט).

מה כחי כי איחל ומה קצי כי אאריך נפשי (ו, יא).

אם כח אבנים כחי אם בשרי נחוש (ו, יב).

האם אין עזרתי בי ותושיה נדחה ממני (ו, יג).

אחי בגדו כמו נחל כאפיק נחלים יעברו (ו, טו).

הכי אמרתי הבו לי ומכחכם שחדו בעדי (ו, כב).

ומלטוני מיד צר ומיד עריצים תפדוני (ו, כג).

הורוני ואני אחריש ומה שגיתי הבינו לי (ו, כד).

מה נמרצו אמרי יושר ומה יוכיח הוכח מכם (ו, כה).

הלהוכח מלים תחשבו ולרוח אמרי נואש (ו, כו).

דער מענש ווערט געבאָרען זיך צו מאַטערען, פונקט ווי פונקען דאַרפען פליהען אין דער הויך.

דאָס האָבען מיר ערפאָרשט, אזוי האָבען מיר געהערט, און דו נעהם עס אַריין אין זינען״.

איוב

„ווען מען זאָל מיין צאָרן און אונגליק אָבוועגען אויף וואָג־שאָלען, און אויפהויבען צוזאַמען,

וואָלט עס יעצט שווערער געוועזען ווי דאָס זאַמד פון אַלע ים׳ען, און דאַרום זיינען מיינע ווערטער צודרעהט.

הלואי זאָלען ערפיעלט ווערען מיין פערלאַנג און האָפנונג ;

גאָט זאָל איינוויליגען מיך צו פערניכטען, אָבלאָזען זיין האַנד און מיך צושפּאַלטען.

וואָס איז דען מיין קראַפט, איך זאָל נאָך האָפען ! וואָס איז דען מיין ענדע, ווען איך זאָל אפילו פערלענגערען מיין לעבען !

איז דען מיין קראַפט די קראַפט פון שטיינער ? איז דען מיין פלייש פון קופער ?

מיין הילף איז בלויז אין מיר אַליין, יעדע רעטונג איז פון מיר דערווייטערט.

מיינע ברידער זיינען צו מיר פאַלש געוואָרען, ווי אַ שטראָם און ווי אַ וואַסער־פאַל אין די טייכען געהען זיי פערביי.

האָב איך ווען געזאָגט צו אייך : „גיט מיר״, אָדער איהר זאָלט וועמען דורך אייער מאַכט אונטערקויפען פון מיינעט־וועגען ?

איהר זאָלט מיך רעטען פון פיינד אָדער אויסלעזען פון בייז־וויליגע מענשען ?

קלעהרט מיך אויף, וועל איך דאַן שווייגען, גיט מיר צו פערשטעהן וואָס פאַר אַ פעהלער איך האָב געמאַכט.

מעכטיג זיינען די ווערטער פון יושר, וואָס פאַר אַ זינן האָבען אָבער אייערע אַרגומענטען ?

איהר דענקט מיך מיט ווערטער צו איבערצייגען, און די טענות פון אַ פערצווייפעלטען קומען ביי אייך אויס פוסט.

ועתה הואילו פנו בי ועל פניכם אם אכזב (ו, כח).

היש בלשוני עולה אם חכי לא יבין הוות (ו, ל).

הלוא צבא לאנוש עלי ארץ וכימי שכיר ימיו (ז, א).

כעבד ישאף צל וכשכיר יקוה פעלו (ז, ב).

כלה ענן וילך כן יורד שאול לא יעלה (ז, ט).

גם אני לא אחשך פי אדברה בצר רוחי אשיחה במר נפשי (ז, יא).

הים אני אם תנין כי תשים עלי משמר (ז, יב).

כי אמרתי תנחמני ערשי ישא בשיחי משכבי. וחתתני בחלמות ומחזיונות תבעתני (ז, יג—יד).

מה אנוש כי תגדלנו וכי תשית אליו לבך (ז, יז).

כמה לא תשעה ממני לא תרפני עד בלעי רקי (ז, יט).

חטאתי מה אפעל לך נצר האדם למה שמתני למפגע לך ואהיה עלי למשא (ז, כ).

בלדד

עד אן תמלל אלה ורוח כביר אמרי פיך (ח, ב).

האל יעות משפט ואם שדי יעות צדק (ח, ג).

אם זך וישר אתה כי עתה יעיר עליך ושלם נות צדקך (ח, ו).

קעהרט זיך אום יעצט צו מיר, זאָג איך אַייך ליעגען?
ליגט דען בעטרוג אין מיין צונג, בעגרייפט ניט מיין גו־מען וואָס אונרעכט איז?
דער שטערבליכער האָט בלויז אַ בעשטימטע צייט אויף דער ערד, די טעג זיינע זיינען, ווי פון אַ געדונגענעם ארבייטער.
ווי אַ שקלאַף שמאַכטעט ער נאָך שאָטען, און ווי אַ גע־דונגענער האָפט ער אויף זיין לוין.
ווי אַ וואָלקען פערגעהט און פערשווינדט, אַזוי קומט ניט צוריק דער וואָס געהט אין גרוב אַריין.
איך וועל מיין מויל ניט אָבהאַלטען פון רעדען ווען מיין גייסט דריקט מיך, איך וועל אויסגיסען מיין גאַנצע פערבי־טערטע האַרץ.
בין איך דען אַ ים אָדער אַ קראָקאָדיל, וואָס דו רינגעלסט מיך אַרום מיט אַ וואַך?
געטראַכט האָב איך, אין מיין בעט וועל איך אַ טרייסט געפינען, דער געלעגער וועט מיינע שמערצען לינדערען, האָסטו מיך מיט טרוימען איבערגעשראָקען און געמאַכט צו שוידערען פון פאַנטאַזיעס.
וואָס איז דען דער מענש אין גאַנצען, וואָס דו זוכסט איהם צו ערהויבען און ביזט צו איהם פריינדליך?
ביז ווי לאַנג וועסטו מיך ניט אָבלאָזען? ביז ווען וועסטו מיר ניט ערלויבען אַרונטערצושלינגען זאָגאַר מיין שפייעכץ?
ווען איך האָב געזינדיגט זאָגאַר, איז וואָס זאָל איך טהאָן פאַר דיר, דו בעשיצער פון מענשען? פאַרוואָס האָסטו גע־מאַכט, איך זאָל זיין צו דיר אַ שטערונג און אַ לאַסט צו זיך אַליין?"

בלדד

„ביז ווי לאַנג וועסטו נאָך אָנהאַלטען אַזוי צו רעדען און שטורעמען מיט׳ן מויל?
וועט דען גאָט פערקרימען זיין אורטהייל? דער אַל־מעכטיגער וועט דען די גערעכטיגקייט פערדרעהען?
ווען דו זאָלסט ריין און אונשולדיג זיין, וואָלט ער שוין

כי שאל נא לדר רישון וכונן לחקר אבותם (ח, ח).

כי תמול אנחנו ולא נדע כי צל ימינו עלי ארץ (ח, ט).

היגאה גמא בלא בצה ישגא אחו בלי מים (ח, יא).

כן ארחות כל שכחי אל ותקות חנף תאבד (ח, יג).

הן אל לא ימאס תם ולא יחזיק ביד מרעים (ח, כ).

א י ו ב

אמנם ידעתי כי כן ומה יצדק אנוש עם אל (ט, ב).

אשר אם צדקתי לא אענה למשפטי אתחנן (ט, טו).

אם לכח אמיץ הנה ואם למשפט מי יועידני (ט, יט).

אם אצדק פי ירשיעני תם אני ויעקשני (ט, כ).

אחת היא על כן אמרתי תם ורשע הוא מכלה (ט, כב).

ארץ נתנה ביד רשע פני שפטיה יכסה אם לא אפוא מי הוא (ט, כד).

אנכי ארשע למה זה הבל איגע (ט, כט).

כי לא איש כמני אעננו נבוא יחדו במשפט (ט, לב).

לא יש בינינו מוכיח ישת ידו על שנינו (ט, לג).

אויפגעפּאַסט אויף דיר, און וואָלט אָנפילען דיין וואָהנונג מיט גערעכטיגקייט.

פרעג זיך נאָך וועגען דעם ביים פריהעריגען דור, אונטער־זוך די אויספאָרשונגען פון זייערע עלטערען

דען מיר זיינען בלויז פון נעכטען דאָ און ווייסען ניט, די טעג אונזערע זיינען ווי אַ שאָטען אויף דער ערד.

קען דער שילף־ראָהר וואַקסען אָהן בלאָטע ? קען דאָס ים־גראָז שפּראָצען אָהן וואַסער ?

אַזוי איז מיט אַלע וואָס פערגעסען אָן גאָט ; די האָפ־נונג פון שמייכלער ווערט צורונען.

גאָט פעראַכטעט ניט דעם אונשולדיגען, און שטאַרקט ניט די האַנד פון פערברעכער".

א י ו ב

„איך ווייס אַז אַזוי איז עס, און ווי קען דען אַ מענש גערעכט זיין געגען גאָט ?

ווען איך זאָל זאָגאַר גערעכט זיין, קען איך איהם ניט ענט־פערען, בעטען דאַרף איך בלויז מיינע ריכטער.

אויב אין קראַפט, איז ער דער קרעפטיגער ; און אויב אין געריכט, ווער וועט דען דאַרטען מיין עדות זיין ?

ווען איך זאָל ווי גערעכט זיין, וועט מיין אייגען מויל מיך בעשולדיגען, מעג איך ווי אונשולדיג זיין, וועט עס מיין מויל פערדרעהען.

אַלץ איינס, זאָג איך, פערדאַרבט ער דעם עהרליכען ווי דעם פערברעכער.

די ערד איז איבערגעגעבען געוואָרען אין די הענד פון פער־ברעכער, וועלכער פערבלענדעט די אויגען פון איהרע ריכטער ; אויב ניט אַזוי, וואָס דען איז עס ?

דער שולדיגער וועל איך סיי ווי סיי בלייבען, צו וואָס זאָל איך זיך נאָך מאַטערען אומזיסט ?

ער איז ניט אַ מאַן, ווי איך בין, איך זאָל איהם ענטפערען, ווען מיר זאָלען קומען צוזאַמען אין געריכט.

עס איז ניטאָ צווישען אונז איינער, וואָס זאָל קענען זיין

יסר מעלי שבטו ואמתו אל תבעתני (ט, לד).

אדברה ולא איראנו כי לא כן אנכי עמדי (ט, לה).

אמר אל אלוה אל תרשיעני הודיעני על מה תריבני (י, ב).

הטוב לך כי תעשק כי תמאס יגיע כפיך (י, ג).

העיני בשר לך אם כראות אנוש תראה (י, ד).

הכימי אנוש ימיך אם שנותיך כימי גבר (י, ה).

כי תבקש לעוני ולחטאתי תדרוש (י, ו).

ידיך עצבוני ויעשוני יחד סביב ותבלעני (י, ח).

אם רשעתי אללי לי וצדקתי לא אשא ראשי שבע קלון וראה עניי (י, טו).

ולמה מרחם הצאתני אגוע ועין לא תראני (י, יח).

הלא מעט ימי וחדל ושית ממני ואבליגה מעט (י, כ).

בטרם אלך ולא אשוב אל ארץ חשך וצלמות (י, כא).

צופר

הרב דברים לא יענה ואם איש שפתים יצדק (יא, ב).

ואולם מי יתן אלוה דבר ויפתח שפתיו עמך (יא, ה).

האַנד אַרויפלעגען אויף אונזביידען.
זאָל ער פון מיר זיין שטראָף־רוט אָבווענדען, זיין שרעק זאָל מיך ניט אויפשוידערען,
וואָלט איך דאַן רעדען, ניט מורא האָבענדיג פאַר איהם; ניט אַזוי איז אָבער דער פאַל מיט מיר.
איך וועל צו גאָט זאָגען, בעשולדיג מיך ניט, ערקלעהר מיר, פאַרוואָס קריגסטו זיך מיט מיר?
איז דיר גוט ווען דו בערויבסט, ווען דו פעראַכטעסט די האָרעוואַניע פון דיינע אייגענע הענד?
האָסטו דען אויגען פון פלייש, זעהסטו דען ווי אַ מענש זעהט?
זיינען די טעג דיינע ווי ביי שטערבליכע, דיינע יאָהרען — ווי ביי מענשען?
וואָס דו זוכסט נאָך מיינע אונגערעכטיגקייטען און פאָרשט נאָך מיינע זינד!
דיינע הענד האָבען מיך געשטאַלטעט און געמאַכט, און דאָך זוכסטו מיך צו פערניכטען.
האָב איך שלעכטס געטהאָן, דאַן איז וועה צו מיר; בין איך ווידער עהרליך, קען איך מיין קאָפּ ניט אויפהויבען און בין זאַט מיט שאַנדע; זעה מיין עלענד!
צו וואָס האָסטו מיך פון געבערמוטער אַרויסגעצויגען? בעסער וואָלט איך אויסגעגאַנגען, איידער אַ אויג האָט מיך ער־בליקט.
מיינע טעג זיינען דאָך אַזוי ווייניג, לאָז מיך אָפּ דען, איך זאָל קענען אַביסעל צו זיך קומען,
איידער איך וועל אַוועק צו יענעם לאַנד פון פינסטערנים און טויט־שאָטען, ניט צוריקצוקומען מעהר."

צופר

„זאָלען פיעלע ווערטער בלייבען אונבעאַנטוואָרטעט? זאָל דער וואָס קען פיעל רעדען דערפאַר גערעכט זיין?
אַך, ווען גאָט זעלבסט זאָל דיר אַן ענטפער געבען, ווען ער זאָל זיינע ליפּען עפענען און רעדען צו דיר!

החקר אלוה תמצא אם עד תכלית שדי תמצא (יא, ז).

גבהי שמים מה תפעל עמקה משאול מה תדע (יא, ח).

ארכה מארץ מדה ורחבה מני ים (יא, ט).

אם און בידך הרחיקהו ואל תשכן באהליך עולה (יא, יד).

כי אז תשא פניך ממום והיית מצק ולא תירא (יא, טו).

איוב

הן כל ראתה עיני שמעה אזני ותבן לה (יג, א).

כדעתכם ידעתי גם אני לא נפל אנכי מכם (יג, ב).

אולם אני אל שדי אדבר והוכח אל אל אחפץ (יג, ג).

ואולם אתם טפלי שקר רפאי אליל כלכם (יג, ד).

גם הוא לי לישועה כי לא לפניו חנף יבוא (יג, טז).

כפך מעלי הרחק ואמתך אל תבעתני (יג, כא).

כמה לי עונות וחטאות פשעי וחטאתי הודיעני (יג, כג).

למה פניך תסתיר ותחשבני לאויב לך (יג, כד).

העלה נדף תערוץ ואת קש יבש תרדף (יג, כה).

כי תכתב עלי מררות ותורישני עונות נעורי (יג, כו).

אדם ילוד אשה קצר ימים ושבע רגז (יד, א).

שטרעבסטו די גאָטהייט צו ערפאָרשען ? ווילסטו דעם
תכלית פון אַלמעכטיגען אויסגעפינען ?
עס איז אין די הויכקייטען פון הימעל, וואָס קענסטו טהאָן?
עס איז טיעפער ווי די אונטערוועלט, וואָס ווייסטו דערפון ?
די מאָס דערפון איז לענגער ווי די ערד און ברייטער ווי
דער ים.
זעה, בעסער, דערווייטער פון דיינע רייד אונרעכט, זאָל
אין דיין געצעלט קיין אונגערעכטיגקייט זיך ניט געפינען.
דאַן ווען דו וועסט זיין ריין פון פעהלערען, וועסטו ביי
זיך פעסט זיין און קיין מורא ניט האָבען".

איוב

„דאָס אַלעס האָב איך געזעהן, געהערט און בעגריפען.
וואָס איהר ווייסט איז אויך מיר בעקאַנט, איך פאַל פאַר
אייך ניט אַרונטער.
איך וויל זיך דאַרום מיט'ן אַלמעכטיגען דורכרעדען, אַ
דיספּוט וויל איך מיט איהם האָבען.
איהר זייט בלויז אויסטראַכטער און ליגנער, פאַלשע דאָק־
טוירים זייט איהר אַלע.
ער וועט מיר אויך העלפען, ווייל ער דולדעט ניט קיין
שמייכלער.
נעהם אַוועק דיין האַנד פון מיר, זאָל דיין שרעק מיך ניט
אויפציטערען.
וויפיעל האָב איך דאָס אַזוי פערבראַכען און געזינדיגט ?
רעכען מיר אוים מיינע פעהלערען און זינד.
פאַרוואָס פערבאָרגסטו דיין געזיכט און רעכענסט מיך פאַר
דיינעם אַ פיינד ?
איז דען וויכטיג פאַר דיר אַ פערשטויסענעם בלאַט צו־
צושמעטערען, און פערפאָלגען אַ צוטריקענטע שטרוי ?
וואָס דו שרייבסט מיר צו אַזוי פיעל ביטערנים און מאַכסט
מיר צו בעזיצען די אונגערעכטיגקייט פון מיין יוגענד אָן.
דער שטערבליכער, פון אַ פרוי געבאָרען, האָט בלויז קור־
צע יאָהר און איז זאַט מיט ערגערנים.

כציץ יצא וימל ויברח כצל ולא יעמוד (יד, ב).

שעה מעליו ויחדל עד ירצה כשכיר יומו (יד ו).

ואיש שכב ולא יקום עד בלתי שמים לא יקיצו ולא יערו משנתם (יד, יב).

אליפז

החכם יענה דעת רוח וימלא קדים בטנו (טו, ב).

הוכח בדבר לא יסכון ומלים לא יועיל בם (טו, ג).

כי יאלף עונך פיך ותבחר לשון ערומים (טו, ה).

ירשיעך פיך ולא אני ושפתיך יענו בך (טו, ו).

הראשון אדם תולד ולפני גבעות חוללת (טו, ז).

הבסוד אלוה תשמע ותגרע אליך חכמה (טו, ח).

מה ידעת ולא נדע תבין ולא עמנו הוא (טו, ט).

מה יקחך לבך ומה ירמזון עיניך (טו, יב).

כי תשיב אל אל רוחך והוצאת מפיך מלין (טו, יג).

מה אנוש כי יזכה וכי יצדק ילוד אשה (טו, יד).

הן בקדשיו לא יאמין ושמים לא זכו בעיניו (טו, טו).

ווי אַ גרעזעל שפּראָצט ער אַרויס און פערוועלקט, ווי אַ שאָטען אַנטלויפט ער און פערשווינדט.

ווענדע זיך אָפּ פון איהם און לאָז איהם צורוה ; זאָל ער געניסען ווי אַ געדונגענער זיין פרייען טאָג.

דער מענש לעגט זיך און שטעהט ניט אויף ; אַזוי לאַנג ווי די הימלען װעלען הענגען, וועט ער ניט ערוואַכען און ניט אויפשטעהן פון זיין שלאָף".

אליפז

„זאָל אַ קלוגער ענטפערען מיט פּוסטע קענטנים ? דאַרף ער אָנפילען זיין בויך מיט אַ מזרח־ווינד ?

דאַרף ער פיהרען אַ ויכוח מיט ווערטהלאָזע רייד, מיט ווערטער וואָס קענען ניט העלפען ?

דיין מויל איז פערקרימט צוליעב דיין אונרעכט, דו וועהלסט דאַרום אויס די שפּראַך פון די כיטרע (ליסטיגע).

זאָל דיך דיין אייגענע מויל בעשולדיגען, ניט איך ; זאָ־לען דיינע ליפען אויפטרעטען געגען דיר.

ביזטו דען פריהער ווי דער ערשטער מענש געבאָרען גע־וואָרען ? ביזטו פריהער פאַר די הויכע בערג בעשאַפען גע־וואָרען ?

הערסטו דען די געטליכע געהיימניסע ? פעהלט דיר שוין מעהר קיין חכמה ?

וואָס ווייסטו אַזעלכעס, וואָס מיר ווייסען ניט ? וואָס בע־גרייפסטו אַזוינס, וואָס אונז איז אונבעקאַנט ?

וואוהין פיהרט דיך דיין האַרץ, און וואָס ווייזען דיר דיינע אויגען ?

וואָס דו ווענדעסט דיין גייסט געגען גאָט און ברענגסט אַרויס פון דיין מויל אַזעלכע ווערטער ?

וואָס איז דער מענש ער זאָל עס זוכה זיין, דער פון אַ פרוי געבאָרענער — ער זאָל גערעכט זיין ?

ער גלויבט דאָך ניט אין קיינע הייליגטהימער ; און די הימ־לען, אפילו, זיינען אין זיינע אויגען ניט ריין ;

כי נטה אל אל ידו ואל שדי יתגבר (טו, כה).

איוב

שמעתי כאלה רבות מנחמי עמל כלכם (טז, ב).

הקץ לדברי רוח או מה ימריצך כי תענה (טז, ג).

יסגרני אל אל עויל ועל ידי רשעים ירטני (טז, יא).

שלו הייתי ויפרפרני ואחז בערפי ויפצפצני ויקימני לו למטרה (טז, יב).

יסבו עלי רביו יפלח כליותי ולא יחמל ישפך לארץ מררתי (טז, יג).

פני חמרמרו מני בכי ועל עפעפי צלמות (טז, טז).

ארץ אל תכסי דמי ואל יהי מקום לזעקתי (טז, יח).

ויוכח לגבר עם אלוה ובן אדם לחברו (טז, כא).

רוחי חבלה ימי נזעכו קברים לי (יז א).

ותכה מכעש עיני ויצרי כצל כלם (יז, ז).

ימי עברו זמתי נתקו מורשי לבבי (יז, יא).

בלדד

הלמענך תעזב ארץ ויעתק צור ממקמו (יח, ד).

ער ערלויבט זיך אויסצושטרעקן זיין האַנד געגען גאָט, און וויל בייקומען דעם אַלמעכטיגען".

א י ו ב

„פיעלעס האָב איך שוין אַזעלכעס געהערט, פאַלשע טרייס־טער זייט איהר אַלע.

ווען אָבער אַמאָל אַן ענדע זיין צו ווערטהלאָזע רייד? וואָס נוצט עס דען אַזוי צו ענטפערען!

צו פערדאָרבענע האָט מיר גאָט איבערגעגעבען, און אַריינ־געוואָרפען אין די הענד פון פערברעכער.

רוהיג בין איך געווען און ער האָט מיך צוברעקעלט, ביים נאַקען האָט ער מיך אָנגענומען און צופיצעלט; פאַר אַ ציעל־ברעט האָט ער מיך אַוועקגעשטעלט.

זיינע פיילען־שיסער האָבען מיך אַרומגערינגעלט, אָהן מיטלייד מיינע נירען צושמעטערט, און אויסגעגאָסען אויף דער ערד מיין גאַל.

מיין געזיכט איז איינגעשרומפּפען געוואָרען פון געוויין; פאַר מיינע ברעמען שוועבט אַרום דער שאָטען פון טויט.

די ערד זאָל מיין בלוט ניט צודעקען, קיין אָרט זאָל ניט זיין דאָ פאַר מיין געשריי.

אַך, ווען אַ שטערבליכער זאָל קענען אַ ויכוח האָבען מיט גאָט, ווי איין מענש מיט'ן צווייטען!

געבראָכען איז מיין גייסט, מיינע טעג פערשווינדען, בלויז טויטענגריבער זעה איך אַרום זיך.

דונקעל איז מיין אויג פון זאָרג, אַלע גליעדער מיינע זייי־נען ווי אַ שאָטען.

מיינע טעג געהען פאַראיבער, מיינע פּלענער ווערען אי־בערגעריסען צוזאַמען מיט די אָדערען פון מיין האַרץ".

ב ל ד ד

„זאָל פון דיינעטוועגען די ערד פערלאָזען ווערען און דער פעלז זאָל פון זיין פּלאַץ אַוועקגערוקט ווערען?"

עד אנה תוגיון נפשי ותדכאונני במלים (יט, ב).

ואף אמנם שגיתי אתי תלין משוגתי (יט, ד).

הן אצעק חמס ולא אענה אשוע ואין משפט (יט, ז).

ארחי גדר ולא אעבר ועל נתיבותי חשך ישים (יט, ח).

אחי מעלי הרחיק וידעי אך זרו ממני (יט, יג).

חדלו קרובי ומידעי שכחוני (יט, יד).

גרי ביתי ואמהתי לזר תחשבוני נכרי הייתי בעיניה (יט,טו).

רוחי זרה לאשתי וחנותי לבני בטני (יט, יז).

תעבוני כל מתי סודי וזה אהבתי נהפכו בי (יט, יט).

חנני חנני אתם רעי כי יד אלוה נגעה בי (יט, כא).

למה תרדפני כמו אל ומבשרי לא תשבעו (יט, כב).

מי יתן אפו ויכתבון מלי מי יתן בספר ויחקו (יט, כג).

בעט ברזל ועפרת לעד בצור יחצבון (יט, כד).

מדוע רשעים יחיו עתקו גם גברו חיל (כא, ז).

זרעם נכון לפניהם עמם וצאצאיהם לעיניהם (כא, ח).

בתיהם שלום מפחד ולא שבט אלוה עליהם (כא, ט).

איוב

„ביז ווי לאַנג נאָך וועט איהר מיין זעעלע בעטריעבען, און
מיך פלאגען מיט ווערטער ?
אויב איך האָב זאָגאַר אַ פעהלער געמאַכט, דאַן זאָל דער
פעהלער מיט מיר פערבלייבען.
איך שריי עס איז אַ רויבעריי, און קיינער ענטפערט ניט ;
איך ליאַרעם און קען קיין גערעכטיגקייט בעקומען.
פערצאַמט איז מיין וועג, איך קען ניט אַריבערגעהן ; מיי־
נע שטעגען זיינען אין פינסטערנים איינגעהילט.
דערווייטערט האָבען זיך פון מיר מיינע ברידער, די בע־
קאַנטע מיינע זיינען פון מיר פרעמד געוואָרען.
פערלאָזען האָבען מיך מיינע קרובים, מיינע פריינד האָ־
בען מיך פערגעסען.
זאָגאַר מיינע הויזלייטע בעטראַכטען מיך אַלס אַ פרעמ־
דען ; ווי אַ זייטיגער בין איך אין זייערע אויגען.
מיין גייסט איז פרעמד פאַר מיין פרוי, און מיין ליעבע —
פאַר מיינע אייגענע קינדער.
פערהאַסט בין איך ביי אַלע מיינע אנפערטרויטע ; יענע
וואָס איך האָב ליעב געהאַט, זיינען צו מיר דערווידער.
דערבאַרעמט זיך, דערבאַרעמט זיך, איהר, ווענינגסטענס,
מיינע פריינד ! גאָט'ס האַנד האָט מיך שטאַרק בעריהרט.
פאַרוואָס פערפאָלגט איהר מיך אַזוי ווי גאָט, און איהר
קענט זיך מיט מיין פלייש ניט אָנזעטיגען ?
אַך, ווען מיינע ווערטער זאָלען פערצייכענט ווערען, ווען
זיי זאָלען אַיינגעקריצט ווערען אין אַ ספר !
מיט אַ פען פון אייזען און בליי וואָלט מען זיי בעדאַרפט
אויסהאַקען, און פעראייביגען אין אַ פעלז.
ווארום לעבען אַזוי גוט די פערברעכער ? זיי עלטערען
זיך און זאמלען אָן פערמעגענס !
זייערע קינדער זיינען אימער מיט זיי צוזאַמען, זייערע
קינדס־קינדער האָבען זיי פאַר זייערע אויגען !
אין זייערע הייזער הערשט פריעדען, זיי האָבען קיין שרעק
און גאָט בעשטראָפט זיי גאָרניט !

ישלחו כצאן עויליהם וילדיהם ירקדון (כא, יא).

ישאו בתף וכנור וישמחו לקול עגב (כא, יב).

יבלו בטוב ימיהם וברגע שאול יחתו (כא, יג).

ויאמרו לאל סור ממנו ודעת דרכיך לא חפצנו (כא, יד).

מה שדי כי נעבדנו ומה נועיל כי נפגע בו (כא, טו).

זה ימות בעצם תמו כלו שלאנן ושליו (כא, כג).

וזה ימות בנפש מרה ולא אכל בטובה (כא, כה).

יחד על עפר ישכבו ורמה תכסה עליהם (כא, כו).

ואיך תנחמוני הבל ותשובתיכם נשאר מעל (כא, לד).

אליפז

החפץ לשדי כי תצדק ואם בצע כי תתם דרכיך (כב, יב).

הלא אלוה גבה שמים וראה ראש כוכבים כי רמו (כב, יב).

ואמרת מה ידע אל הבעד ערפל ישפוט (כב, יג).

עבים סתר לו ולא יראה וחוג שמים יתהלך (כב, יד).

הארח עולם תשמור אשר דרכו מתי און (כב, טו).

הסכן נא עמו ושלם בהם תבואתך טובה (כב, כא).

ווי די שעפּעלאַך שיקען זיי זייער יונגוואַרג זיך פרעהליך צו מאַכען.

זיי אַמוזירען זיך מיט פּויק און האַרפע, און פרעהען זיך מיט דעם קלאַנג פון דעם אָרגעל.

זיי פערברענגען אין אַלל דאָס גוטס זייערע טעג, און ווען עס קומט זייער ענדע, שטאַרבען זיי אין אַ מאָמענט.

צו גאָט זאָגען זיי: „קעהר זיך פון אונז אָפּ, מיר ווילען דיינע וועגען ניט וויסען!

וואָס איז דער אַלמעכטיגער, מיר זאָלען איהם דינען? און וואָס וועלען מיר פּראָפיטירען ווען מיר וועלען זיך מיט איהם בעגעגענען?"

איינער שטאַרבט אין זיין פולער קראַפט, אָבלעבענדיג די גאַנצע צייט רוהיג און שטיל,

און אַ צווייטער שטאַרבט מיט אַ פערביטערטער נשמה, ניט האָבענדיג גענאָסען קיינמאָל קיין גוטעס;

צוזאַמען ליעגען זיי ביידע אין דער ערד, און ווערים דעקען זיי צו.

ווי קענט איהר מיך אַלזאָ טרייסטען אָהן אַ זינן, ווען אייערע תשובות האָבען קיין ממשות ניט".

אליפז

„קומט עפּעס דעם אַלמעכטיגען אַרויס דערפון ווען דו ביזט גערעכט? האָט ער נוצען ווען דו געהסט אויפ'ן גלייכען וועג?

גאָט איז דאָך אין די הויכקייטען פון די הימלען, זעה ווי הויך דער שפּיץ פון די שטערען איז.

דו זאָגסט: „וואָס וויים דען גאָט? קען ער דען אורטהיילען, זייענדיג איבער די געדיכטע וואָלקענס?

די כמאַרעס פערדעקען דאָך איהם און ער זעהט גאָרניט, אַרומגעהענדיג איבער די הימלען".

בעמערקסטו אָבער דעם וועג פון דער וועלט אויף וועלכען די פערברעכער טרעטען?

בעקען זיך ליעבערסט מיט גאָט, שליעס פריעדען מיט איהם: דאָס וועט דיר גוטעס ברענגען".

מי יתן ידעתי ואמצאהו אבוא עד תכנתו (כג, ג).

אערכה לפניו משפט ופי אמלא תוכחות (כג, ד).

אדעה מלים יענני ואבינה מה יאמר לי (כג, ה).

הן קדם אהלך ואיננו ואחור ולא אבין לו (כג, ח).

שמאל בעשתו ולא אחז יעטף ימין ולא אראה (כג, ט).

מדוע משדי לא נצפנו עתים וידעיו לא חזו ימיו (כד, א).

גבלת ישיגו עדר גזלו וירעו (כד, ב).

חמור יתומים ינהגו יחבלו שור אלמנה (כד, ג).

יטו אביונים מדרך (כד, ד).

ערום ילינו מבלי לבוש ואין כסות בקרה (כד, ז).

מזרם הרים ירטבו ומבלי מחסה חבקו צור (כד, ח).

ערום הלכו בלי לבוש ורעבים נשאו עמר (כד, י).

מעיר מתים ינאקו ונפש חללים תשוע ואלוה לא ישים תפלה (כד, יב).

המה היו במרדי אור לא הכירו דרכיו ולא ישבו בנתיבתיו (כד, יג).

לאור יקום רוצח יקטל עני ואביון ובלילה יהי כגנב (כד, יד).

איוב

„ווען איך זאָל וויסען וואו איהם צו געפינען, ווען איך זאָל קענען דערגרייכען ביז זיין טראָהן־שטוהל,

וואָלט איך דאַן פאָרגעבראַכט פאַר איהם מיין פּראָצעס, מיין מויל וואָלט אָנגעפּילט געוואָרען מיט טענות.

איך וואָלט װעלען וויסען וואָס ער וועט מיר ענטפערען, און בעגרייפען וואָס ער וועט מיר זאָגען.

געה איך אָבער איהם זוכען פאָרווערטס איז ער ניטאָ, הינ־טער זיך — און איך בעגרייף איהם ניט.

וואָס ער טהוט אויף לינקס, קען איך ניט אָנהאַלטען; וואָס ער פערהילט רעכטס, זעה איך ניט.

פאַרוואָס זיינען פון אַלמעכטיגען ניט פערבאָרגען די ציי־טען, און זיינע אנהענגער בעמערקען ניט די טעג זיינע?

אַנדערע רוקען איבער גרענעצען, פאַשען געראַובטע סטאַ־דעם.

פיהרען אַוועק דעם עזעל פון יתומים, פער׳משכון׳ען דעם אָקס פון דער אלמנה.

נויטבעדערפטיגע פערטרייבען זיי פון וועג.

די אָרימע נעכטיגען נאַקעט אָהן קליידער, און האָבען זיך ניט מיט וואָס צוצודעקען אין קעלט.

זיי ווערען דורכגעווייקט פון די בערג־שטראָמען און, ניט קענענדיג זיך בעשיטצען, טוליען זיי זיך אַרום פעלזען.

נאַקעט געהען זיי אַרום אָהן קליידער, הונגעריגערהייד שלעפּען זיי די גאַרבען.

פון שטאָדט קרעכצט די בעפעלקערונג, און די זעעלען פון די נידערגעשלאָגענע שרייען, און גאָט בעטראַכט עס ניט אַלס אַן אונרעכט.

די פערברעכער האָבען רעוואָלטירט געגען ליכט, און ווי־לען ניט אַנערקענען זיינע וועגען און שטעגען.

ווי עס ווערט נאָר ליכטיג, שטעהט אויף דער מערדער און ברענגט אום דעם אָרימאַן און נויטבעדערפטיגען; ביי נאַכט איז ער אַ גנב.

ועין נאף שמרה נשף לאמר לא תשורני עין וסתר פנים ישים (כד, טו).

ואם לא אפו מי יכזיבני ויש לאל מלתי (כד, כה).

חי אל הסיר משפטי ושדי המר נפשי (כז, ב).

כי כל עוד נשמתי בי ורוח אלוה באפי (כז, ג).

אם תדברנה שפתי עולה ולשוני אם יהגה רמיה (כז, ד).

חלילה לי אם אצדיק אתכם עד אגוע לא אסיר תמתי ממני (כז, ה).

בצדקתי החזקתי ולא ארפה לא יחרד לבבי מימי (כז, ו).

כי מה תקות חנף כי יבצע כי ישל אלוה נפשו (כז, ז).

הצעקתו ישמע אל כי תבוא עליו צרה (כז, ט).

הן אתם כלכם חזיתם ולמה זה הבל תהבלו (כז, יב).

כי טוב קויתי ויבא רע ואיחלה לאור ויבא אפל (ל, כו).

אח הייתי לתנים ורע לבנות יענה (ל, כט).

ויהי לאבל כנרי ועגבי לקול בכים (ל, לא).

הלוא הוא יראה דרכי וכל צעדי יספור (לא, ד).

אם הלכתי עם שוא ותחש על מרמה רגלי (לא, ה).

און דאָס אויג פֿון נואף פֿאַסט אויף ווען עס ווערט דונקעל;
ער טראַכט: „קיין אויג וועט מיך יעצט ניט בעמערקען” און
ער טהוט אַלעס אין געהיים.

איז עס ניט אַזוי? ווער קען עס מיר אָבלייקענען און צו
גאָרניט מאַכען מיינע רייד?

ווי גאָט לעבט, אַזוי האָט ער מיין רעכט אָבגעטהאָן, דער
אַלמעכטיגער האָט מיין זעעלע פערביטערט.

אַזוי לאַנג מיין זעעלע איז נאָך אין מיר, און דער געטליכער
גייסט אין מיינע נאָזלעכער,

וועלען מיינע ליפּען אויפריכטיג זיין, און מיין צונג וועט
קיין פֿאַלשקייט ניט אַרויסברענגען.

בעהיט זאָל איך ווערען אייך גערעכט צו געבען; ביז איך
וועל אויסגעהן וועל איך ביי מיין אונשולד בלייבען.

איך האַלט זיך פעסט ביי מיין גערעכטיגקייט און וועל עס
ניט נאָכלאָזען; מיין האַרץ האָט מיר נאָך קיינמאָל קיין פֿאָר־
ווארף ניט געמאַכט.

דען וואָס איז די האָפנונג פון היפּאָקריט, ווען ער געווינט
זאָגאַר, אַז גאָט נעהמט צו זיין זעעלע.

הערט דען גאָט זיין געשריי, ווען עס קומט אויף איהם אַן
אונגליק?

איהר האָט עס דאָך אַליין אַלע בייגעוואָהנט, וואָס־זשע
פּלוידעדט איהר אומזיסט?

איך האָב אויף גוטעס געהאָפט, איז שלעכטס געקומען;
אויף ליכט האָב איך געוואַרט, איז פינסטערניס ערשיענען פֿאַר
מיר.

אַ ברודער בין איך געוואָרען פון קראָקאָדיל, און אַ פריינד
פון שטרויס־פויגעל.

פערטרויערט איז מיין האַרפּע געוואָרען, אַ געוויין הערט
זיך פון מיין גיטאַרע.

ער זעהט דאָך זעלבסט מיינע וועגען, און צעהלט דאָך אַלע
מיינע טריט.

בין איך מיט פֿאַלשקייט געגאַנגען? האָט מיין פוס צו
בעטרוג געאײלט?

ישקלני במאזני צדק וידע אלוה תמתי (לא, ו).

אם תטה אשרי מני הדרך ואחר עיני הלך לבי (לא, ז).

אם אמאס משפט עבדי ואמתי ברבם עמדי (לא, יג).

אם אמנע מחפץ דלים ועיני אלמנה אכלה (לא, טז).

ואכל פתי לבדי ולא אכל יתום ממנה (לא, יז).

אם אראה אובד מבלי לבוש ואין כסות לאביון (לא, יט).

אם שמתי זהב כסלי ולכתם אמרתי מבטחי (לא, כד).

אם אשמח בפיד משנאי והתעררתי כי מצאו רע (לא, כט).

אם כסיתי כאדם פשעי לטמון בחבי עוני (לא, לג).

מי יתן לי שמע לי הן תוי שדי יענני וספר כתב איש ריבי (לא, לה).

אליהו בן ברכאל

הן הוחלתי לדבריכם אזין עד תבונתיכם עד תחקרון מלין (לב, יא).

ועדיכם אתבונן והנה אין לאיוב מוכיח עונה אמריו מכם (לב, יב).

אענה אף אני חלקי אחוה דעי אף אני (לב, יז).

זאָל מיך גאָט אָבוועגען מיט ריכטיגע געוויכט, וועט ער זיך איבערצייגען אין מיין אונשולד.

האָט ווען מיין טריט זיך אָבגעווענדעט פון גלייכען וועג ? איז מיין הארץ נאָך מיינע אויגען נאָכגעגאַנגען ?

האָב איך זיך ווען אָבגעקעהרט מיט פעראַכטונג פון מיינע קנעכט און דיענסטען, ווען זיי האָבען געשטריטען מיט מיר ? האָב איך ווען ענטזאָגט דעם פערלאַנג פון אָרימע ? האָב איך ווען בעטריעבט די אויגען פון דער אלמנה ?

האָב איך מיין ברויט אַליין פערצעהרט, און דערפון א יתום ניט געגעבען ?

האָב איך ווען גלייכגילטיג בעטראַכט אַן עלענדען אָהן א קלייד, און אַ נויטבעדערפטיגען אָהן אַ צודעק ?

האָב איך פון גאָלד אַ געץ געמאַכט, און גינגאָלד אַלס מיין שוטץ בעטראַכט ?

האָב איך זיך ווען געפרעהט מיט'ן אונגליק פון מיינע פיינד ? האָב איך זיך מיט זיי גערייצט ווען מיט זיי האָט א צרה פאַסירט ?

האָב איך מיינע זינד פערדעקט ווי אַנאַנדערער, און מיינע פערברעכענס אין שוים בעהאַלטען ?

אַך, ווען איך זאָל אויסגעהערט ווערען ! מיין וואונש איז בלויז, דער אַלמעכטיגער זאָל מיר ענטפערען און מיין געגנער זאָל עס פערצייכענען אין אַ בוך".

אליהו בן ברכאל (א זייטיגער צוהערער)

„געוואָרט האָב איך אויף אייערע רייד, זיך צוגעהערט אויפ־מערקזאַם צו אייערע אַרגומענטען, מיינענדיג דאָס איהר וועט די זאַך גרינדליך ערפאָרשען.

און ווען איך בעטראַכט אַלעס, ערשט קיינער האָט איוב'ן ניט געקענט איבערצייגען, קיינער פון אייך האָט זיינע ווערטער ניט געקענט בעשטרייטען.

איך וועל דאַרום ענטפערען אויך מיין טהייל, אַרויסזאָגען אויך מיין מיינונג.

אל נא אשא פני איש ואל אדם לא אכנה (לב, כא).

ואולם שמע נא איוב מלי וכל דברי האזינה (לג, א).

אך אמרת באזני וקול מלין אשמע (לג, א).

זך אני בלי פשע חף אנכי ולא עון לי (לג, ט).

הן תנואות עלי ימצא יחשבני לאויב לו (לג, י).

הן זאת לא צדקת אענך כי ירבה אלוה מאנוש (לג, יב).

מדוע אליו ריבות כי כל דבריו לא יענה (לג, יג).

שמעו חכמים מלי וידעים האזינו לי (לד, ב).

כי אמר איוב צדקתי ואל הסיר משפטי (לד, ה).

מי גבר כאיוב ישתה לעג כמים (לד, ז).

כי אמר לא יסכן גבר ברצתו עם אלהים (לד, ט).

כי פעל אדם ישלם לו וכארח איש ימצאנו (לד, יא).

אף אמנם אל לא ירשיע ושדי לא יעות משפט (לד, יב).

מי פקד עליו ארצה ומי שם תבל כלה (לד, יג).

אם ישים אליו לבו רוחו ונשמתו אליו יאסף (לד, יד).

יגוע כל בשר יחד ואדם על עפר ישוב (לד, טו).

איך וועל ניט שוינען קיינעמס פּערזענליכקייט, איך וועל זיך צו קיינעם ניט בויגען.

אַלזאָ הער אויס, איוב, מיינע ווערטער, פּערנעהם אַלעס וואָס איך רייד.

דו האָסט געזאָגט און דיין שטימע האָט אָבגעקלונגען אין מיינע אויערען:

„ריין בין איך פון זינד, איך בין אונשולדיג און האָב ניט בעגאַנגען קיין פערברעכען;

בלבולים געפינט מען אויס אויף מיר, פאַר אַ פיינד רעכענט ער מיך".

אונגערעכט ביזטו מיט דעם, זאָג איך דיר, גאָט איז פיעל מעהר ווי דער מענש דענקט.

וואָס קריגסטו זיך מיט איהם? ער וועט דיר דאָך אויף אַלע דיינע רייד ניט ענטפערען.

הערט, איהר חכמים, מיינע ווערטער; פּערנעהמט, איהר געלעהרטע, וואָס איך זאָג.

איוב זאָגט: „איך בין גערעכט, און נאָר גאָט נייגט אָב מיין משפּט".

ווער איז אָבער נאָך אַזוי ווי איוב, וואָס ערלויבט זיך צו טרינקען שפּאָט־רייד ווי וואַסער

און בעהויפּטעט, אַז עס נוצט גאָרניט דעם מענשען זיך צו פערשטענדיגען מיט גאָט?

לויט זיינע טהאַטען ווערט דער מענש בעצאָהלט; ווי ער פיהרט זיך אויף, אַזוי האָט ער זיין בעלוינונג.

גאָט בעשולדיגט ניט קיינעם אומזיסט, דער אַלמעכטיגער פערדרעהט ניט דעם משפּט.

ווער האָט דען איהם איבער דער ערד בעשטימט, און ווער האָט די גאַנצע וועלט — אַלל געמאַכט?

ווען ער זאָל עס צום האַרצען נעהמען און וועלען צוריקציהען זיין גייסט און נשמה,

וועט אַלעס וואָס לעבט, אונטערגעהן, און דער מענש וועט אין גאַנצען פערניכטעט ווערען.

כי עיניו על דרכי איש וכל צעדיו יראה (לד, כא).

הזאת חשבת למשפט אמרת צדקי מאל (לה, ב).

הבט שמים וראה ושור שחקים גבהו ממך (לה, ה).

אם חטאת מה תפעל בו ורבו פשעיך מה תעשה לו (לה, ו).

אם צדקת מה תתן לו או מה מידך יקח (לה ז).

לאיש כמוך רשעך ולבן אדם צדקתך (לה, ח).

הן אל כביר ולא ימאס כביר כח לב (לו, ה).

מי פקד עליו דרכו ומי אמר פעלת עולה (לו, כג).

אף אם יבין מפרשי עב תשאות סכתו (לו, כט).

והוא מסבות מתהפך בתחבולתיו לפעלם כל אשר יצום על פני תבל ארצה (לז, יב).

האזינה זאת איוב עמוד והתבונן נפלאות אל (לז, יד).

התדע בשום אלוה עליהם והופיע אור עננו (לז, טו).

התדע על מפלשי עב מפלאות תמים דעים (לז, טז).
יענה (לז, כג).

שדי לא מצאנהו שגיא כח ומשפט ורב צדקה לא יעַנֶה(לז,כג).

זיינע אויגען זיינען גֿעווענדעט אויף אַלע וועגען פֿון מענ־
שען, אַלע טריט זיינע בעמערקט ער.

רעכענסטו דאָס פֿאַר אַ אורטהייל ווען דו בעהויפּטעסט;
„איך בין גערעכטער פֿון גאָט" ?

גיעב אַ בליק צום הימעל און זעה; בעטראַכט דעם הימעל
געוועלב איבער דיר.

ווען דו האָסט געזינדיגט, וואָס פֿאַר אַ פּעולה האָט ער דער־
פֿון? ווען דו בעגעהסט פֿיעל פֿערברעכענס, וואָס טהוסטו איהם
דערמיט?

ווען דו ביזט אַ צדיק, וואָס האָט ער דערפֿון? וואָס קען
ער פֿון דיינע הענד נעהמען?

בלויז זיך זעלבסט טהוסטו מיט דיין פֿערברעכען, און זיך
אליין, דו מענשען זוהן, מיט דיין גערעכטיגקייט.

גאָט איז צו מעכטיג ער זאָל פֿעראַכטען, צו מעכטיג איז
זיין קרעפֿטיגעם האַרץ.

ווער קען דען זיין וועג בעשטימען, און ווער קען איהם
זאָגען: „דו האָסט בעגאַנגען אַן עולה" ?

בעגרייפֿסט יעמאַנד די פֿערשפּרייטונג פֿון די וואָלקענס,
אָדער דעם פּלאַץ פֿון זיין געצעלט?

לויט זיינע פּלענער דרעהט זיך אַלעס אַרום, אום צו ער־
פֿילען די אויפֿגאַבען אויף דער ערד, וועלכע ער האָט פֿאַר זיי
בעשטימט.

פֿערנעהם דאָס, איוב, שטעל זיך אָפּ און בעטראַכט די
געטליכע וואונדער.

בעגרייפֿסטו דען ווי גאָט האָט בעשטימט, דאָס ליכט זאָל
פֿון די וואָלקענס שיינען?

בעגרייפֿסטו דען ווי די וואָלקענס באַלאַנסירען, און די אַלע
וואונדער פֿון דעם פֿאָלקאָמענעם?

מיר קענען דעם אַלמעכטיגען ניט אָבשאַצען; דער ער־
האַבענער אין מאַכט, גערעכטיגקייט און וואָהלטהאַט, טהוט
קיין שלעכטס".

י״י (מן חסערה)

מי זה מחשיך עצה במלין בלי דעת (לח, ב).

אזר נא כגבר חלציך ואשאלך והודיעני (לח, ג).

איפה היית ביסדי ארץ הגד אם ידעת בינה (לח, ד).

מי שם ממדיה כי תדע או מי נטה עליה קו (לח, ה).

על מה אדניה הטבעו או מי ירה אבן פנתה (לח, ו).

ויסך בדלתים ים בגיחו מרחם יצא (לח ח).

בשומי ענן לבשו וערפל חתלתו (לח, ט).

ואמר עד פה תבוא ולא תוסיף ופה ישית בגאון גליך(לח, יא).

המימך צוית בקר ידעתה שחר מקומו (לח, יב).

הבאת עד נכבי ים ובחקר תהום התהלכת (לח, טז).

הנגלו לך שערי מות ושערי צלמות תראה (לח, יז).

התבננת עד רחבי ארץ הגד׳ אם ידעת כלה (לח, יח).

אי זה הדרך ישכן אור וחשך אי זה מקומו (לח, יט).

הבאת אל אצרות שלג ואוצרות ברד תראה (לח, כב).

גאָט (דורך אַ שטורעמווינד).

„ווער פערדונקעלט עס מיין עצה מיט ווערטהלאָזע ווער־טער ?

גורט אָן דיינע לענדען ווי אַ מאַן און ענטפער מיר אויף מיינע פראַגען.

וואו ביזטו געווען ווען איך האָב די ערד געגרינדעט ? זאָג מיר, אויב דו האָסט פערשטאַנד.

ווער האָט איהר מאָס געמאַכט, פיעלייכט ווייסטו ? ווער האָט איבער איהר אַ שנור פערצויגען.

אויף וואָס שטיצען זיך איהרע פונדאַמענטען ? ווער האָט איהר ווינקעלשטיין געלייגט ?

וואו ביזטו געווען ווען איך האָב דעם ים פערשלאָסען, ווען ער איז פון זיין געבערמוטער אַרויס ?

ווען איך האָב פאַר איהם פון וואָלקענס אַ קלייד געמאַכט, און פון געדיכטען נעבעל — אַ וויקעל־שנור.

ווען איך האָב בעפאָהלען : „ביז אַהער זאָלסטו קומען און ניט מעהר, ביז דאַנען זאָלען דיינע שטאָלצע כוואַליעס שטראָ־מען".

האָסטו ווען עס איז בעפאָהלען געוואָס דעם פריהמאָרגען ? ווייסטו דעם פּלאַץ פון דעם מאָרגענשטערען ?

ביזטו ווען עס איז געקומען ביז צו די קוואַלען פון ים ? האָסטו זיך ווען פערטיעפט אין די אָבגרונדען, אום עס צו ער־פאָרשען ?

זיינען פאַר דיר ענטפלעקט די טויערען פון טויט, קענ... זעהן די טויערען פון טויט־שאַטען ?

האָסטו בעגריפען די ברייטקייט פון דער וועלט ? זאָג מיר אויב דו ווייסט עס אַלעס ?

אויף וועלכען פּלאַץ רוהט דאָס ליכט ? וואו איז פון פינ־סטערנים דער אָרט ?

האָסטו ווען בעזוכט די שנעע־אוצרות ? האָסטו די שאָצ־קאַמערען פון האָגעל געזעהן ?

מי פלג לשטף תעלה ודרך לחזיז קלות (לח, כה).

היש למטר אב או מי הוליד אגלי טל (לח, כח).

מבטן מי יצא הקרח וכפר שמים מי ילדו (לח, כט).

הידעת חקות שמים אם תשים משטרו בארץ (לח, לג).

התשלח ברקים וילכו (לח, לה).

מי שת בטחות חכמה או מי נתן לשכוי בינה (לח, לו).

התתן לסוס גבורה התלביש צוארו רעמה (לט, יט).

המבינתך יאבר נץ (לט, כו).

אם על פיך יגביה נשר וכי ירים קנו (לט, כז).

האף תפר משפטי תרשיעני למען תצדק (מ, ח).

איוב

אחת דברתי ולא אענה ושתים ולא אוסיף (מ, ה).

ידעתי כי כל תוכל ולא יבצר ממך מזמה (מב, א).

לשמע אזן שמעתיך ועתה עיני ראתך (מב, ה).

על כן אמאס ונחמתי על עפר ואפר (מב, ו).

ווער האָט פאַר׳ן שטורעם־ווינד אַ פלאַץ געמאַכט און אַ וועג פאַר׳ן בליץ און דונער ?

האָט דער רעגען אַ פאָטער ? ווער האָט די טהוי־טראָ־פענס געבאָרען ?

פון וועמעס בויך איז די קעלט ארויסגעגאַנגען ? ווער האָט דעם הימעל פראָסט געבאָרען ?

ווייסטו די הימלישע געזעצע ? קענסטו די זעלבע אויף דער ערד איינפיהרען ?

קענסטו בליצען אַרויסשיקען ?

ווער האָט פאַר חכמה אַ זיכערען פלאַץ געמאַכט ? ווער האָט דעם האָהן פערשטאַנד געגעבען ?

גיסטו קראַפט צום פערד ? בעקליידעסט דו זיין האַלז מיט אַ גריווע ?

האָט דאָס דיין פערשטאַנד געמאַכט פליהען די פויגעל ?

הויבט זיך דער אָדלער אויף נאָך דיין בעפעהל און פלעכט זיין נעסט אין די הויכקייטען ?

ווילסטו פיעלייכט מיין משפט צושטערען ? מיך בעשול־דיגען אום דו זאָלסט גערעכט בלייבען ?״

א י ו ב

„איינמאָל האָב איך גערעדט און האָב קיין ענטפער בעקו־מען, אַ צווייטען מאָל האָב איך ניט מעהר וואָס צוצוגעבען.

איך ווייס, אַז דו קענסט אַלצדינג, און קיין זאַך ווערט פון דיר ניט צוריקגעהאַלטען.

פריהער האָב איך בלויז געהערט וועגען דיר, און יעצט האָט דיך מיין אויג דערזעהן.

דאַרום פערהאַס איך זיך זעלבסט, און בעדויער, ווייל איך בין ניט מעהר ווי שטויב און אַש . . . ״

געהאט. אַלע זיינע קרובים און פריינד האָבען זיך צו איוב'ן צוריק־געקעהרט און איהם געבראַכט ווערטהפאָלע פרעזענטען. ער האָט גע־האט אנדערע זיעבען זיהן און דריי טעכטער און די טעכטער זיינע זיינען געווען אזוי שעהן, דאָס זיי האָבען צו זיך קיין גלייכען ניט גע־האט אין גאנצען לאַנד. איוב האָט נאָך דיעזער פּאַסירונג געלעבט הונדערט און פערציג יאָהר, געניסענדיג דאָס פולע גליק אין דעם קרייז פון זיינע קינדער, אייניקלאַך און אור־אייניקלאַך.

קהלת

(הסתכלות המלך שלמה על החיים ועל מטרות האדם).

הבל הבלים הכל הבל (א, ב).

מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמל תחת השמש (א, ג).

דור הלך ודור בא והארץ לעולם עמדת (א, ד).

וזרח השמש ובא השמש ואל מקומו שואף זורח הוא שם (א, ה).

הולך אל דרום וסובב אל צפון סובב סובב הולך הרוח ועל סביבותיו שב הרוח (א, ו).

כל הנחלים הלכים אל הים והים איננו מלא (א, ז).

אל מקום שהנחלים הלכים שם הם שבים ללכת (א, ח).

כל הדברים יגעים לא יוכל איש לדבר לא תשבע עין לראות ולא תמלא אזן משמע (א, ט).

מה שהיה הוא שיהיה ומה שנעשה הוא שיעשה ואין כל חדש תחת השמש (א, י).

עפּילאָג

די שילדערונג אין איוב שליסט זיך מיט דעם וואָס נאָכדעם ווי גאָט האָט געענדיגט זיין רעדע, האָט ער אויסגעדריקט זיין אונצור־פריעדענהייט מיט די ארגומענטען וואָס איוב׳ס דריי פריינד האָבען איהם געגעבען. איוב׳ן האָט ער אויסגעהיילט פון זיין קראַנקהייט און איהם צוריקגעגעבען צוויי מאָל אזוי פיעל, וויפיעל ער האָט פריהער

קהלת

(מאָנאָלאָגען פון קעניג־פילאָזאָף שלמה).

„נאַרישקייט פון נאַרישקייטען, אַלעס איז דומהייט.

וואָס קומט שוין דעם מענשען אַרוים פון זיין גאַנצער האָ־רעוואַניע, פון דעם וואָס ער שאַפט אונטער דער זונן.

אַ דור פערגעהט, און עס קומט אַ צווייטער ; די ערד בלייבט שטעהן ווי אימער.

די זונן שיינט און פערגעהט, דאַן שיינט זי ווידער פון דעם זעלבען פלאַץ.

דאָ צו דרום און דאָ צו צפון, רונד אַרום דרעהט זיך דער ווינד, מאַכט אַ קרייז און קעהרט זיך אום צוריק.

אַלע טייכען שטראָמען אַריין אין ים, און דער ים ווערט ניט פול.

צו דעם אָרט וואו די טייכען פליעסען געהען זיי, און הערען ניט אויף צו געהן.

יעדע זאַך בעמיהט זיך ; דער מענש קען זיך ניט גענוג אָנרעדען, דאָס אויג קען ניט זאַט ווערען צו קוקען און דאָס אויער — פול ווערען פון הערען.

וואָס עס איז געווען איז און וועט זיין, און וואָס עס איז געטהאָן געוואָרען, ווערט פאָרטגעזעצט ; קיין נייעס איז ניטאָ אונטער דער זונן.

אין זכרון לראשנים וגם לאחרנים שיהיו לא יהיה להם זכרון עם שיהיו לאחרנה (א, יא).

*   *   *

אני קהלת הייתי מלך על ישראל בירושלם (א, יב).

ונתתי אל לבי לדרוש ולתור בחכמה על כל אשר נעשה תחת השמים הוא ענין רע נתן אלהים לבני האדם לענות בו (א, יג).

ראיתי את כל המעשים שנעשו תחת השמש והנה הכל הבל ורעות רוח (א, יד).

דברתי אני עם לבי לאמר אני הנה הגדלתי והוספתי חכמה על כל אשר היה לפני על ירושלם (א, טז).

שגם זה הוא רעיון רוח (א, יז).

כי ברב חכמה רב כעס ויוסיף דעת יוסיף מכאוב (א, יח).

*   *   *

אמרתי אני בלבי לכה נא אנסכה בשמחה וראה בטוב והנה גם הוא הבל (ב, א).

תרתי בלבי למשוך ביין את בשרי ולבי נהג בחכמה ולאחז בסכלות עד אשר אראה אי זה טוב לבני האדם אשר יעשו תחת השמים מספר ימי חייהם (ב, ג).

הגדלתי מעשי בניתי לי בתים נטעתי לי כרמים (ב, ד).

עשיתי לי גנות ופרדסים ונטעתי בהם עץ כל פרי (ב, ה).

עס איז קיין זכר ניטאָ פון די ערשטע, און אויך פון די שפּעטערע וועט קיין אָנדענקען פערבלייבען ביי די וואָס וועלען קומען נאָך זיי.

* * *

איך, קהלת, בין געווען דער קעניג איבער די אידען אין ירושלים,

איך האָב זיך אָבגעגעבען נאָכצופאָרשען און בעאָבאַכטען מיט שכל אַלעס וואָס ווערט געטהאָן אונטער דעם הימעל, און איך האָב אַיינגעזעהן, אַז עס איז אַ שלעכטער ענין וואָס גאָט האָט בעשטימט פאַר די מענשען־קינדער מיט דעם זיך צו מאַטערען.

איך האָב בעאָבאַכטעט יעדע זאַך וואָס ווערט געטהאָן אונטער דער זונן און איך האָב אַיינגעזעהן, דאָס אַלעס איז נאַריש און פּוסט.

איך האָב געטראַכט ביי זיך: אָט בין איך ערהויבען געוואָרען און אָנגעזאַמעלט חכמה מעהר פון אַלע וואָס זיינען פאַר מיר געווען אין ירושלים;

אָבער אויך דאָס איז אַ ווערטהלאָזער געדאַנק,

דען וואָס מעהר חכמה, אַלץ מעהר פערדרוס האָט מען, און וואָס מעהר קענטניסע מען ערווערבט, אַלץ מעהר האַרצוועהטאָג האָט מען.

* * *

דאַן האָב איך געטראַכט: לאָמיר פּרובירען לעבען אין פרייד און זיך קוויקען מיט גוטס, ערשט אויך דאָס איז דומהייט.

איך האָב געקלעהרט ביי זיך, פּיעלייכט וועט ווייַן מיך צוציהען. זאָל מיין האַרץ רעגיערט ווערען פון חכמה, און זיך אָנהאַלטען אָן נאַרישקייט, ביז איך וועל דערגעהן וואָס עס איז דאָס בעסטע פאַר מענשען־קינדער זיי זאָלען טהאָן אונטערען הימעל די געצעהלטע טעג פון זייער לעבען.

איך האָב בעגאַנגען גרויסע טהאַטען, געבויט הייזער, וויינגערטנער געפלאַנצט,

גערטנער און פּאַרקס געשאַפען, און געפלאַנצט אין זיי אַלערליי בעסטע פּרוכטבוימער.

קניתי עבדים ושפחות ובני בית היה לי גם מקנה בקר וצאן הרבה היה לי מכל שהיו לפני בירושלם (ב, ז).

כנסתי לי גם כסף וזהב וסגלת מלכים עשיתי לי שרים ושרות ותענגות בני האדם שדה ושדות (ב, ח).

וכל אשר שאלו עיני לא אצלתי מהם לא מנעתי את לבי מכל שמחה (ב, י).

ופניתי אני בכל מעשי שעשו ידי ובעמל עמלתי לעשות והנה הכל הבל ורעות רוח ואין יתרון תחת השמש (ב, יא).

החכם עיניו בראשו והכסיל בחשך הולך וידעתי גם אני שמקרה אחד יקרה את כלם (ב, יד).

כמקרה הכסיל גם אני יקרני ולמה חכמתי אני אז יתר ודברתי בלבי שגם זה הבל (ב, טו).

כי אין זכרון לחכם עם הכסיל לעולם בשכבר הימים הבאים הכל נשכח (ב, טז).

ושנאתי את החיים כי רע עלי המעשה שנעשה תחת השמש כי הכל הבל ורעות רוח (ב, יז).

ושנאתי אני את כל עמלי שאני עמל תחת השמש שאניחנו לאדם שיהיה אחרי (ב, יח).

כי יש אדם שעמלו בחכמה ובדעת ובכשרון ולאדם שלא עמל בו יתננו חלקו גם זה הבל ורעה רבה (ב, כא).

כי מה הוה לאדם בכל עמלו וברעיון לבו שהוא עמל תחת השמש (ב, כב).

איך האָב זיך איינגעשאַפט דיענער, דיענסטען און הויז־קנעכט, אויך פיעל רינדער און שאָף האָב איך זיך ערוואָרבען, מעהר פון אַלע וואָס זיינען געווען אין ירושלים פאַר מיר.

איך האָב אויפגעזאַמעלט פיעל זילבער, גאָלד און די בעס־טע קעניגליכע אַנטיקען, זיך בעזאָרגט מיט זינגער און זינגע־רינס, אַלערליי מוזיקאַלישע אינסטרומענטען, און זיך פערשאַפט אַלע מעגליכע פערגניגענס פון וועלכע מענשען קענען טרוימען.

אַלץ וואָס מיינע אויגען האָבען פערלאַנגט, האָב איך זיך פערגונען, איך האָב פון מיין האַרץ קיין איינציגע פרייד ניט פערמיעדען.

און ווען איך האָב זיך אויף אַלעס אַרומגעקוקט, אויף אַלע מיינע טהאַטען פון מיינע הענד און אויף מיין גאַנצע האָרע־וואַניע, ערשט אַלץ איז ניט מעהר ווי נאַריש און פוסט; עס קומט פון דעם גאָרניט אַרויס אונטער דער זונן.

ביים קלוגען זיינען די אויגען אין קאָפּ, און דער נאַר געהט אין דער פינסטער, איך ווייס אָבער אַז איין שיקזאַל וועט זיי אַלע גרייכען.

ווי מיט׳ן נאַר אַזוי וועט אויך מיט מיר פּאַסירען, צו וואָס האָב איך אויף אַזאַ אופן אַזוי פיעל חכמה ערוואָרבען? אָבער אויך דאָס צו פרעגען איז דומהייט, האָב איך געטראַכט.

עס בלייבט קיין זכר פון דעם קלוגען ווי פון נאַר; מיט דער צייט ווערט אַלעס פערגעסען.

און איך האָב פיינד בעקומען דאָס לעבען, עס האָט מיך גע־איבעלט פון אַלעס וואָס ווערט אונטער דער זונן אָבגעטהאָן; אַלעס איז ניט מעהר ווי נאַריש און פוסט.

איך האָב פערהאַסט מיין גאַנצע האָרעוואַניע, וואָס איך דאַרף שאַפען פאַר אַ צווייטען וואָס וועט זיין נאָך מיר.

עס איז דאָ אַ מענש וועמעס האָרעוואַניע עס איז פערנינפ־טיג, בערעכענט און געשיקט, און ער מוז דערפון אַ טהייל גע־בען צו אַ צווייטען וואָס האָט גאָר אויף דעם ניט געאַרבייט; אויך דאָס איז נאַריש און שטאַרק אונגערעכט.

וואָס האָט דען דער מענש פון זיין פּראַצע און פון זיינע געדאַנקען, וועלכע ער פּראָדוצירט אונטער דער זונן.

כי כל ימיו מכאובים וכעס ענינו גם בלילה לא שכב לבו (ב, כג).

* * *

לכל זמן ועת לכל חפץ תחת השמים (ג, א).

עת ללדת ועת למות עת לטעת ועת לעקור נטוע (ג, ב).

עת להרוג ועת לרפוא עת לפרוץ ועת לבנות (ג, ג).

עת לבכות ועת לשחוק עת ספוד ועת רקוד (ג, ד).

עת להשליך אבנים ועת כנוס אבנים עת לחבוק ועת לרחק מחבק (ג, ה).

עת לבקש ועת לאבד עת לשמור ועת להשליך (ג, ה).

עת לקרוע ועת לתפור עת לחשות ועת לדבר (ג, ז).

עת לאהב ועת לשנא עת מלחמה ועת שלום (ג, ח).

ראיתי את הענין אשר נתן אלהים לבני האדם לענות בו (ג, י).

את הכל עשה יפה בעתו גם את העלם נתן בלבם מבלי אשר לא ימצא האדם את המעשה אשר עשה האלהים מראש ועד סוף (ג, יא).

ידעתי כי אין טוב בם כי אם לשמוח ולעשות טוב בחייו (ג, יב).

ועוד ראיתי תחת השמש מקום המשפט שמה הרשע ומקום הצדק שמה הרשע (ג, טז).

אַלע זיינע טעג זיינען פול מיט ליידען, זיין בעשעפטיגונג ברענגט איהם פערדרוס און זאָגאַר ביי נאַכט איז זיין הארץ ניט רוהיג.

* * *

אויף אַלץ איז דאָ אַ צייט, יעדע זאַך אונטערען הימעל האָט איהר צייט.

אַ צייט געבאָרען צו ווערען און אַ צייט צו שטאַרבען; אַ צייט צו פלאַנצען און אַ צייט אויסצורייסען דאָס געפלאַנצטע.

אַ צייט צו הרג'ענען און אַ צייט צו היילען; אַ צייט צו צושטערען און אַ צייט צו בויען.

אַ צייט צו וויינען און אַ צייט צו לאַכען; אַ צייט צו קלאָגען און אַ צייט צו טאַנצען.

אַ צייט צו וואַרפען שטיינער און אַ צייט צו זאַמלען זיי; אַ צייט אַרומצונעהמען און אַ צייט צו דערווייטערען זיך פון אַרומגענומען צו ווערען.

אַ צייט צו זוכען און אַ צייט צו פערלירען; אַ צייט צו היטען און אַ צייט אַוועקצוואַרפען.

אַ צייט צו צורייסען און אַ צייט אויפצונעהען; אַ צייט צו שווייגען און אַ צייט צו רעדען.

אַ צייט צו ליעבען און אַ צייט צו האַסען; אַ צייט פון קריעג און אַ צייט פון פריעדען.

איך האָב בעטראַכט די בעשעפטיגונג וואָס גאָט האָט צו געטהיילט די מענשען־קינדער זיך מיט דעם צו מאַטערען.

אַלצדינג האָט ער געמאַכט שעהן, עס זאָל פאַסען אין דער צייט; אין דאָס מענשליכע הארץ האָט ער אָבער די גאַנצע וועלט אַריינגעגעבען, כדי דער מענש זאָל ניט קענען בעגרייפען די געטליכע טהאַטען, זייער אָנפאַנג און ענדע.

איך האָב זיך איבערציינגט, דאָס עס איז ניטאָ פאַר'ן מענשען קיין בעסערע זאַך ווי פרעהליך צו זיין און טהאָן גוטעס אין לעבען.

אויך האָב איך בעאָבאַכטעט אונטער דער זונן, דאָס אין דעם פלאַץ, וואו עס דאַרף זיין גערעכטיגקייט, הערשט אונ־

אמרתי אני בלבי על דברת בני האדם לברם האלהים ולראות שהם בהמה המה להם (ג, יח).

הכל הולך אל מקום אחד הכל היה מן העפר והכל שב אל העפר (ג, כ).

מי יודע רוח בני האדם העלה היא למעלה ורוח הבהמה הירדת היא למטה לארץ (ג, כא).

וראיתי כי אין טוב מאשר ישמח האדם במעשיו כי הוא חלקו כי מי יביאנו לראות במה שיהיה אחריו (ג, כב).

* * *

ושבתי אני ואראה את כל העשקים אשר נעשים תחת השמש והנה דמעת העשקים ואין להם מנחם ומיד עשקיהם כח ואין להם מנחם (ד, א).

ושבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים אשר המה חיים עדנה (ד, ב).

וטוב משניהם את אשר עדן לא היה אשר לא ראה את המעשה הרע אשר נעשה תחת השמש (ד, ג).

וראיתי אני את כל עמל ואת כל כשרון המעשה כי היא קנאת איש מרעהו גם זה הבל ורעות רוח (ד, ד).

יש אחד ואין שני גם בן ואח אין לו ואין קץ לכל עמלו

רעכט, און דאָרט וואו מען ערוואַרטעט וואָהלטהעטיגקייט איז דאָ רשעות.

איך האָב זיך פערטראַכט איבער די בעהויפּטונגען פון מענשען־קינדער, דאָס זיי זיינען די אויסערוועהלטע פון גאָט און האָב אַיינגעזעהן, דאָס זיי זיינען ניט מעהר ווי בהמות.

אַלצדינג געהט צו איין אָרט ; אַלעס קומט פון שטויב און קעהרט זיך אַהין צוריק.

ווער קען עס וויסען, אויב דער גייסט פון מענשען־קינדער שטייגט אַרויף אין דער הויך, און דער גייסט פון דער בהמה ניעדערט אַרונטער אונטען אין דער ערד ?

און איך האָב אַיינגעזעהן, דאָס עס איז ניטאָ קיין בעסערעס פאַר'ן מענשען ווי ער זאָל זיך פרעהען מיט זיין אַרבייט, דען דאָס איז זיין איינציגער חלק אין לעבען ; ווער קען איהם דען מאַכען צו זעהן וואָס עס וועט פאָרקומען נאָך איהם ?

* * *

איך האָב בעאָבאַכטעט אַלע גוואַלדטהאַטען וואָס ווערען בעגאַנגען אונטער דער זונן ; די בערויבטע בעגיסען זיך מיט טרעהרען און קיינער קען זיי ניט טרייסטען ; די מאַכט איז ביי זייערע אונטערדריקער און קיינער קען זיי ניט טרייסטען.

איך האַלט פיעל מעהר פון די וואָס זיינען לאַנג געשטאָרבען, ווי פון די וואָס לעבען נאָך.

נאָך בעסער פון די ביידע איז דעם וואָס איז גאָר אויף דער וועלט ניט געווען און האָט ניט געהאַט די געלעגענהייט צו זעהן די שלעכטע טהאַטען וואָס ווערען אָבגעטהאָן אונטער דער זונן.

איך האָב אַיינגעזעהן, דאָס יעדענס האָרעוואַניע און פלייסיגקייט אין דער אַרבייט איז בלויז דאַדורך וואָס ער איז מקנא דעם צווייטען, אָבער אויך דאָס איז נאַריש און פוסט.

עס איז דאָ איינער וואָס האָט צו זיך קיינעם ניט : קיין זוהן, קיין ברודער, און עס נעהמט גאָר קיין ענדע ניט צו זיין

גם עינו לא תשבע עשר ולמי אני עמל ומחסר את נפשי מטובה (ד, ח).

כאשר יצא מבטן אמו ערום ישוב ללכת כשבא ומאומה לא ישא בעמלו שילך בידו (ה, יד).

גם כל ימיו בחשך יאכל וכעס הרבה וחליו וקצף (ה, טז).

אם יוליד איש מאה ושנים רבות יחיה ורב שיהיו ימי שניו ונפשו לא תשבע מן הטובה וגם קבורה לא היתה לו אמרתי טוב ממנו הנפל (ו, ג).

* * *

את הכל ראיתי בימי הבלי יש צדיק אבד בצדקו ויש רשע מאריך ברעתו (ז, טו).

אין אדם שליט ברוח לכלוא את הרוח ואין שלטון ביום המות (ח, ח).

יש הבל אשר נעשה על הארץ אשר יש צדיקים אשר מגיע אלהם כמעשה הרשעים ויש רשעים שמגיע אלהם כמעשה הצדיקים (ח, יד).

ושבחתי אני את השמחה אשר אין טוב לאדם תחת השמש כי אם לאכל ולשתות ולשמוח (ח, טו).

וראיתי את כל מעשה האלהים כי לא יוכל האדם למצוא את

האַרעוואַניע, זיין אויג ווערט ניט זאַט פון זיינע רייכטהימער; צו וואָס טויג אָבער אַזוי פיעל צו האַרעווען און אָבהאַלטען די זעעלע פון געניסען גוטעס?

נאַקעט ווי ער איז ארויס פון מוטער'ס לייב וועט ער אזוי צוריקגעהן, און וועט דאָס מינדעסטע זאַך פון זיין פראַצע אהין ניט אוועקטראַגען.

דאָס גאַנצע לעבען זיינע ווערט פערצעהרט אין פינסטער־ניס, פיעל פערדרוס, קראַנקהייט און ערגערניס.

ווען אַ מענש זאָל האָבען הונדערט קינדער, לעבען זעהר לאַנג, זיך באָדען אין אַלל דאָס גוטס און פערבלייבען אפילו אונשטערבליך, וואָלט איך אויך זאָגען, דאָס בעסער איז פון איהם דעם מפיל־קינד.

* * *

אַלצדינג איז מיר אויסגעקומען צו זעהן אין מיינע נאַ־רישע טעג: עס איז דאָ אַ צדיק וואָס געהט פערלאָרען דורך זיין גערעכטיגקייט און עס איז דאָ אַ רשע וואָס האלט אָן לאַנג אין זיינע פערברעכענס.

קיין מענש קען ניט בעצווינגען און אָבהאַלטען דעם גייסט, קיינער קען אויך ניט בעהערשען און אָבווענדען דעם טאָג פון טויט.

עס עקזיסטירט אויף דער ערד אַזאַ אונרעכט: עס זיינען דאָ צדיקים וואָס מיט זיי פּאַסירט דאָס וואָס דאַרף טרעפען די רשעים, און עס גיעבען, דאַגעגען, פערברעכער וואָס ווערען בעלוינט פאַר זייערע טהאַטען ווי עהרליכע.

און בעזונגען האָב איך די שמחה, דען עס איז ניטאָ קיין בעסערע זאַך פאַר'ן מענשען אונטער דער זונן, ווי גוט עסען, טרינקען און זיך פרעהליך מאַכען.

